STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00167

DURKH LOYTERE KVALN

Malka Lee

•

Permanent preservation of this book was made possible by
Robert E. & Claire B. Smith
in memory of
their parents, Harry & Rose Boorstein and Charles & Sadye Smith

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מלכה לי

דורך לויטערע קוואַלן

איקוף פאַרלאַג
ניו־יאָרק, 1950

דאָס בוך איז דערשינען מיט דער הילף פון מאניא גערשאָנאָוויטש
און די „לייען-קרייזן" צום אָנדענק פון דעם פריצייטיק פאַרשטאָרבענעם
שמעון גערשאָנאָוויטש פון שיקאַגע

MALKE LEE — DURCH LOITERE QUALN

Published by
YIDDISHER KULTUR FARBAND (YKUF)
189 Second Avenue, New York 3, N. Y.

Copyright, 1950, by
YIDDISHER KULTUR FARBAND (YKUF)
New York, N. Y.

Printed in U.S.A. by
Shoulson Press, Inc., 227 W. 17th St., New York 11, N. Y.
255

יידיש וואָרט

יידיש וואָרט: געזאַנג פון מיין לעבן,
דו האָסט מיך אין חושך געטרייסט,
דיין ליכט אויף פינצטערע וועגן
האָסט מיך פון צער אויסגעלייזט.

האָסט מיט גלויבן מיין וועזן געצונדן,
ביסט געווען די גאָלדענע לייטער.
ווען דורך חושך געברענט מיינע וואונדן
צו שטייגן און קלעטערן ווייטער.

צו דיין ליכט האָב איך זיך געצויגן,
דיין וואָרט געווען מיין באַגלייטער.
צום חלום פון רעגנבויגן,
אויף אַ שטראַליקער זוניקער לייטער.

יידיש וואָרט געברענט אינם שייטער,
קיין פייער קאָן דיך פאַרצערן.
זאָלסט זיין אויך מיין לעצטער באַגלייטער
ווי אַ מאַמעס ערלעכע טרערן...

א.

וועלט גיב מיין מאַמען מיר צוריק

איך וועל קומען צו דיר, מיין מאַמע,
איך וועל צוריקקומען אַהיים.
דורך די וויסטע חורבות אַלע,
איך וועל אויפזוכן דיין געביין.

איך וועל קומען צו יעדן בערגל
צופאַלן צו יעדן שטיין.
איך וועל פרעגן יעדעס גרעזל:
האָט ווער מיין מאַמען דאָ געזען?

איך וועל גיין צום וואַלד דעם גרינעם,
און פרעגן ביי יעדן בוים:
העלפט מיין מאַמען מיר געפינען,
אויף יעדן צווייג עס בליט איר טרוים.

איך וועל וואַנדערן דורך חורבות וויסטע,
אַנקלאַפּן אין יעדער היים.
איך וועל פרעגן שכנים קריסטן:
איז מיין מאַמע אפשר דאָ געווען?

איך וועל פרעגן ביי די זקנים,
האָט זי אַ צייכן דאָ פאַרקריצט?
ענטפערט מיר גוטע שכנים:
האָט זי ווער פון טויט באַשיצט?

איך וועל פרעגן ביי די הימלען-שטערן
האָט ווער פאַרנומען איר געוויין?
אפשר וועלן זיי מיר אומקערן
איר הייליק ליכטיק געביין...

אפשר וועט די נאַכט דערציילן,
אין גסיסה וואָס זי האָט געטראַכט.
אין די גריבער פון די היילן
האָט ווער איר טויטן שלאָף באַוואַכט?

וועלט דערמאָן אין טאָג פון פרידן
קוק צו מיין צער אין פעלקער זיג,
מאַך לעבעדיק די קדושים יידן
גיב מיין מאַמען מיר צוריק!

אויפן חורבן פון מיין היים

עס האָבן נאַצי־קאַניבאַלן,
דייטשע מערדער און וואַנדאַלן,
מיין היים, מיין שטאָט פאַרברענט;
מיין היים, וואו איך בין געבוירן
האָב איך אויף אייביק אָנגעוואוירן —
מיין הויזגעזינד פאַרלענדט.

מיין היים, מיט יונגען ווי טאַפּאַלן
מיט מיידלעך — פאַלמעס אויסגעמאָלן.
מיט יידן — דעמבעס אַלט.
אַ דור לעבט אוים זיינע יאָרן —
מיין דור איז אָפּגעמעקט געוואָרן
פאַרשניטן ווי אַ וואַלד...

עס האָט מיין היים געצווייט מיט בליטן,
איך האָב געבליט מיט זיי אינמיטן —
מיין היים איז וויסט און הויל.
אין מיין געזינד געווען דער שורש,
איצט בין איך פון אַש דער יורש —
צו ירשנען דאָס גרויל...

מיין הימל איז געווען דער שענסטער
ער האָט געבלויט אין יעדן פענצטער
אין יעדן טייך ער האָט געשפּילט...
און וואו איך האָב ניט געוואָגלט
האָט זיין ליכט אין מיר געלאָגלט,
און איצט איז אַלץ פאַרשטילט.

מיין טייכעלע פלעגט נאַכטיק זינגען,
מיט שטערן גלעקלעך טייכיק קלינגען
פאַרוויגן היים אין זיסן קלאַנג:
איך האָב דאָס שטערן־גאָלד געקליבן
אין חלום לידער געשריבן
לידער פון געזאַנג...

זון, און שטערן פאַרלעשט די אויגן,
איך בין איצט אַ ווערבע געבויגן,
עס ווײנט מײן גוף.
מײן הארץ און אויג ווי פולע ימען,
איך קאָן דעם צער ניט פאַרצאַמען;
וועלט, פאַרנעם מײן רוף!

איך וויל מײן יאָמער־קול צעשאַלן,
וואו זײט איר אַלע טריבונאַלן,
אין טאָג פון זיג?
אין מײן שטאָט מען האָט געטריבן,
קינדער, מאַמעס, אַלטע יידן —
זיי מיט גאַז דערשטיקט.

ווי קאָן איך זינגען פון נצחון?
איך וויל דיך וועלט הײנט פלוכן, פלוכן,
פאַרוואָס זיי זײנען טויט?
אויף דײנע פעלדער מאַסן גלידער,
עס וואַקסן מענטשן־קעפּ פון גריבער,
אין הייפּטלעך גרינעם קרויט...

עס איז מײן בראָך, מײן בראָך דער גרעסטער,
מײנע ברידער, מײן קלײנע שוועסטער,
מײן שוועסטער צאַרט און בלאַס.
מען האָט געפירט זיי אויף טויטן־רעלסן,
קיין טרעבלינקע און קיין בעלזן,
אין די גאַזן אויוונס זיי פאַרגאַזט.

מען האָט געפירט זיי ווי די לאַמען,
צווישן זיי מײן טאַטע־מאַמען,
זייערע קינדער, אייניקלעך אין ריי...
דורך גזלנישע מאָרד־מדינות,
און איך האָב דאָ געקלאָגט אין „קינות —
ניט פאַרברענט געוואָרן מיט זיי“...

בין איך געבליבן צו באַוויינען:
אַ מענטשן, באַקלאָגט מיט מיר, אינאייינעם,

מײן בלוט, מײן פלײש, מײן בײן!
צו װעמען זאָל איך רופן, בעטן?
מײן הײם איז אַש, און בערג סקעלעטן —
אַ, װײן, מײן לעבן, װײן.

עס רײסט דער שטורם בױם און בלעטער,
די װאָרצלען בלײבן ניט צעשמעטערט,
דער פֿױגל קומט צוריק צום נעסט.
צו װעמען װעל איך װידער קומען
אין מײן הײם בית עולם שטומען? —
מײן ערד מיט טױט פֿאַרפּרעסט.

עס האָבן אָבות דורך דורות יאָרן,
אָפּגעהיט אין פֿאָרכט די קברים,
מיט מצבות אין שטילן פֿריד,
װינטן איבער אַלע ימען,
ברענגט דאָס אַש מיר פֿון מײן מאַמען —
װײ צו מיר, פֿון שניטערס שניט...

ברענגט צו מיר די לעצטע װערטער,
פֿאַרגאָזט אין האַלז און ניט דערהערטע,
איר לעצטן כאָרכלדיקן קלאַנג.
עס זאָל איר טױט ניט זײן פֿאַרשװיגן,
עס קאָן ניט אָפּשטאַרבן אַ ניגון —
זי לעבט אין װעלטס געזאַנג.

זי לעבט מײן מאַמע, זי איז ניט פֿאַרטיליקט,
איר קול װעבט זיך אין יעדן פֿרילינג,
אין דער ברכה פֿון ערליך ברױט.
אין דער בענטשונג פֿון שבת טישן
אין די אױגן פֿלעמלעך פֿון געװיסן —
מײן מאַמע איז ניט טױט...

זי לעבט מײן מאַמע, אין קרעכץ פֿון יעדנס זאָרגן,
זי לעבט מײן מאַמע, אין װאַרעמען „גוט מאָרגן"
אין יעדן ערליכן געזיכט...
אין דער צניעות פֿון יעדער כלה

פון אַלע מאַמעס — זי איז די מאַמע,
און לויכט דורך שבתדיקע ליכט...

ווען די זון גייט אויף אין מאָרגן,
איך זע איר ליכטיקייט פאַרבאָרגן,
פון אַש, איר פּנים אויפגעהעלט.
איך רוף אויס „מאַמע” פון דער נידער:
מאַך גאַנץ צוריק מיינע גלידער
מאַמע פון דער וועלט!

איך צינד מיין טרויער, ווי יאָרצייט ליכטער,
נאָך אייך מאַרטירער הייליקע געזיכטער —
יאָרצייט-ליכט נאָך מיין היים.
ווי די קדושים איר זייט געשטאָרבן,
מיט אייך וועט לויכטן אונדזער מאָרגן —
איר וועט קיינמאָל ניט פאַרגיין...

ווי דער פעניקס פון די שטויבן,
פון אַש זיך ווידער אויפגעהויבן,
אַזוי וועט איר אויפגיין:
פון די אויוונס, פון די פלאַמען,
פון דריטן חורבן אויפגעשטאַנען —
מיין פאָלק וועט ניט פאַרגיין!...

— — — — — — — — — — — — — —

דו, מיין קינד, דו וועסט מיך ארבן;
אַ פאָלק דאַרף לעבן, און ניט שטאַרבן —
איך שרייב פאַר דיר דאָס ליד.
דו זאָלסט דעם פאָדעם ווייטער שפּינען,
מיין פאָלק זאָל וואַקסן און זאָל גרינען —
געדענק דו ביסט אַ ייד!

דו, מיין קינד — פון שטאַם אַ צווייגל,
פאַר מיין דור דו זאָלסט, ניט שווייגן —
געדענק די נאַצי-שלאַנג!
אונדזער פאָלק וועט זיך צעצווייגן,
מיט נייער גבורה ווידער שטייגן —
אין זיין העלדן גאַנג

דאָרט וואו איך בין געבוירן

ווער קאָן דעם בראָך באַנעמען,
באַנעמען אַט די שעה?
געווען אַ שטאָט מיט נעמען
און קיינער מער ניטאָ.

געווען אַ שטאָט מיט מענטשן
מענטשן אויף דער וואָר
וואו זיינען יענע מענטשן —
יידן פון מיין דור?

מיר דאַכט געווען ערשט נעכטן,
איך בין צום באַן אַוועק,
הענט אין הענט זיך פלעכטן,
זיי גריסן מיך אין וועג.

מיט בריוועלעך און בלומען,
די גאַנצע שטאָט גייט מיט
די אַלע מענטשן שטומען,
נאָכן שחיטה־שניט.

ניטאָ דאָרט מער קיין שטיבער,
בראָך, און ציגל־ליים.
לידער, מיינע לידער —
ניטאָ דאָרט מער מיין היים!

ניטאָ דאָרט מער קיין יידן
די היימען און די מערק
אויף אַלע וועגן ליגן,
קברים טויטע בערג!

דאָרט וואו איך בין געבוירן
די שטאָט איז אָפּגעווישט;
עס קומען מער קיין פויערים
וואו איז מיין מאנאסטרישטש?

ניטאָ דאָרט מער קיין קינדער,
עס הויערט בלויז דער טויט.

אויף וויסטע חורבות פלינדער,
דער בלויער הימל, בלויט.

וואו זיינען מיינע טאָלן,
דאָס פעלד פון זאַנגען־גאָלד?
די אוראַלטע טאַפּאָלן,
וואָס איך האָב אויסגעמאָלט.

בעריאָזעס ווי זשיראַפן,
מיט העלזער שלאַנק און הויך,
און ביימער ווי די אַפן,
באַוואַקסן ביזן בויך.

ניטאָ דאָרט מער דער רינגפלאַץ,
פון מויערן אַן אַ צאָל,
אינמיטן ווי אַ זון־טאַץ,
דער הימל בלוי קרישטאָל...

אַ הימל מיינער, בלויער,
אַ הימל, פון מיין היים.
בלוי אוים מיין שטילן טרויער,
געבליבן ביסט אַליין!

ביינאַכט קום מיט די שטערן,
זוך אוים דאָס הויפל מיין.
וואָס ליגט באַדעקט מיט שווערן
קדושדיק געביין.

אַ הימל מיינער בלויער,
דעק צו מיט בלויען שיכט,
מיין שטעטעלע פון טרויער,
צינד אָן די שטערן ליכט.

אַ יאָרצייט יעדער שטערן,
פאַר יעדן קדוש מיין.
באַלויכט מיט מיינע טרערן,
מיין אָפּגעמעקטע היים...

ליכטיקע כלות

יונג ליכטיקע טעכטער פון יידישן שטאָם,
אויף אַן אָפּענעם וואָגן, די פערד אין געשפּאַן.

די קליידער צעפּליקט, עם בלוטיקט די הויט;
יידישע טעכטער פירט מען צום טויט.

די רוצחים באַפוילן מיט שענדלעכע הענט,
זיי נאַקעט צו פירן צום אויוון וואָס ברענט.

פאַר מערדערשע בליקן צום המון געוועגדט,
יונג ליכטיקע כלות — די לייבער פאַרשעמט.

ס'איז פרילינג אין שטעטל, מיט בליטן די וועלט,
די יידישע טעכטער עם וואַרפט זיי אין קעלט.

זיי האָבן קיין פּחד פאַר שמיץ און פאַר קלעפּ,
עם שלאָגט זיי אַ פראָסט — לייב איז אַנטפּלעקט.

דאָס מיידלשע לייב פון מאַמעס געהיט,
פאַרן ווילדן המון צום וואָגן געשמידט.

טראָגט איינע אַ טיכל אויף וואונדיקן קאָפּ,
רייסט זי דאָס טיכל מיט אימפּעט אַראָפּ.

פאַרדעקט זיך דאָס לייב, ניט ווערן צו שאַנד,
איר פּנים אַ פייערדיקע זון ווען זי פלאַמט.

די מיידלעך זיי בויגן געפּייניקטע קעפּ,
פאַרדעקן דאָס לייב מיט אייגענע צעפּ.

זיי האָבן קיין מורא פאַר טויט און פאַר פּיין,
דאָס מיידלש לייב פאַרשעמט זאָל ניט זיין.

אַ הימל רײם אָפּ דײַן הימלישע דעק,
פֿאַרשעם ניט די טעכטער, זײער קערפּער פֿאַרדעק!

אַ פֿערדעלעך פֿלינקע יאָגט זיך געשװינד,
מאַכט אָן אַ שטויב דעם שונא פֿאַרבלינדט!

אַ הימל, פֿאַרהויך אַ טומאַן, פֿאַרנעפּל די לופֿט,
פֿאַרקויל די זון אויף קידוש־הגוף!

צו די רוצחים!

ניט קיין בוים פאַר אַ תליה צום הענגען,
ניט קיין שטריק געפלאָכטן פון הענט.
עס זאָלן אייך שטיינער ניט שענקען,
פאַר קדושים וואָס איר האָט פאַרלענדט.

ניט קיין שומר צום טויט זאָל אייך פירן:
אַ יידיש קינד זאָל אייך רופן אין שרעק,
דאָס קול — אייער בלוט זאָל פאַרפרירן —
און באַגלייטן אייער לעצטן וועג.

קיין קבר זאָל אייער געביין פאַרדעקן,
ווייל ערד איז מוטערליך גוט;
עס קאָן טויט ניט די מעשים פאַרמעקן,
פון מענטשלעך פאַרגאָסענעם בלוט...

אויך טויט זאָל פון אייך זיך אָפקערן,
ווייל טויט איז פון גרוילן דער סוף.
איר זאָלט הענגען אויפן בראָך דעם שווערן,
פון אייערע פאַרברעכנס און שטראָף!...

איר זאָלט הענגען אין „רייך" אויסגעבויטן,
ניט קאָנען די אויגן פאַרשליסן.
איר זאָלט שטאַרבן זעקס מיליאָן טויטן
און הענגען אויף דייטשלאַנדס געוויסן!

יעלף רוצחים זיינען היינגעריכטעט געוואָרן
אָקטאָבער 16, 1946.

אלמנה

זי קוקט צום ראַנד פון לבנה
מיט אויפגעהויבענע הענט.
פון וועלט די לעצטע אלמנה,
צען פינגער ווי ליכט צעברענט.

זי שטייט מיט צוויי פלאַמיקע אויגן,
און ציילט דעם חורבן אַרום.
לבנה אין אַ בלוטיקן בויגן,
קוקט אויף איר שטום.

זי ציילט, און קאָן ניט אָפציילן,
מיליאָנען גופים אין גרויל.
זי קאָן ניט די קדושים צעטיילן,
זי שטומט מיט פאַרשלאָסענעם מויל.

זי ציילט, און ציילט יעדן קרבן,
עס בלענדט אין איר בליק אַ מיראַזש.
ערד נעמט צום הימל זיך האַרבן,
אַ מזבח פון מענטשלעכן אַש.

לבנה נעמט פלאַמיקער ברענען,
זי זעט אין לבנה אַ שווערד.
נישט אין הימל ברענט דער גיהנום.
דער גיהנום פלאַמט אויף דער ערד.

זי שטייט די לעצטע אַלמנה,
פון הימל און ערד פאַרשעמט.
זי קוקט אויפן שאַרף פון לבנה,
ווי צען ליכט, די באַפינגערטע הענט.

דער פאַרזשאַווערטער שליסל

איך האָב געזען אַ שליסל פון זשאַווער,
אַ שליסל פון אַ פאַרשלאָסענער טיר.
אַ שליסל וואָס קומט פון גאַז־קאַמער,
מיט בלוט און מיט זשאַווער געשוויר.

אַ פרוי האָט אים אין קאַמער באַהאַלטן,
צווישן די טויטע ווענט אין געהיים.
די האַנט וואָס האָט אים געהאַלטן,
פאַרשמאָלצן אין „זייף" איר געביין...

געבליבן איז לעבן דער שליסל,
ער זוכט די טיר פון זיין היים.
ער זוכט אַ מענטשלעך געוויסן,
וואָס זאָל אַ שליסל פאַרשטיין.

אויפשליסן דער וועלט די אויגן,
דערציילן ווי מיט אַ לעבעדיק מויל.
ער האָט בלוט אין זיך איינגעזויגן,
פון פחד, גסיסה און גרויל...

איך האָב געזען אַ שליסל אַ קרומען,
מיט זשאַווער ווי אַ בלוטיק געשוויר.
אַ שליסל אָן אַ נאָמען —
זוכט דעם שלאָס פון זיין טיר...

מיין ברודער בנימען

ברודער, מיין ברודער, ברודער בנימען,
זאָל ווערן פאַראייביקט אין ליד כאָטש דיין נאָמען.

ביסט געווען לענינס תלמיד, אַ זון פון דער נידער,
אַ גליד פון די ערלעך־געפּייניקטע ברידער.

האָט דיך דער שונא געקאָוועט אין קייטן, אין קלאַמען,
און פּראָסט דיך געברענט מיט גהנימשע פלאַמען.

דיין קערפּער מיט שניטן, מיט אָפענע וואונדן,
אַ טיפּוס־באַפלעקטער דיין הויט דיר געשונדן.

אין פּראָסטיקן מאַרש— פון רוצחים געטריבן,
דיין הייליק בלוט אין שניי ליגט פאַרשריבן.

וואו דיין געביין פאַרשוואונדן אין שנייען,
זאָל דאָרט די ערד זיך קאָרטשן אין ווייען.

וואָס איז געבליבן פון דיין ליכטיקן נאָמען,
אין בראָך פון מיין פאָלק — מיין ברודער בנימען...

אַן אָרונדל פון בילדער

אָ נאָנטע מיינע, הייליקע,
וואָס איז מיר דען פאַרבליבן ?
אַן אָרונדל פון טייערע בריוו,
פון אייך צו מיר געשריבן.

איך עפן אויף דאָס ארונדל,
די הייליקע דאָרט וואוינען.
אָפּגעמעקט אויף אייביק שוין —
פון היטלערס האַנט — אין פּוילן.

איך עפן אויף דאָס אָרונדל,
צוויי אויגן בלויע קלאָרן,
מיין שוועסטער שרייבט : שלומהלע
איז זיבן יאָר געוואָרן.

איך קוק זיך איין אין שלומהלען,
זע, דעם זיידנס פּנים.
איך קוק אין שלומהס אויגעלעך,
זיי מאָנען, מאָנען, מאָנען...

טויזנט מאָל שוין דורכגעליינט,
עס איז הייליק יעדע שורה.
איך ברענג די נאָנטע יעדעס מאָל,
אין הארץ ביי זיך צו קבורה.

וויי, וואָס איז געבליבן מיר,
פון טאַטע, מאַמע, קינדער.
ווערטער שטומע אויף פּאַפּיר —
אַן אָרונדל פון בילדער...

אַ ווייסער שניי

אַ ווייסער שניי איז געקומען היינט צופֿאָרן,
מיט אַ גאָלדן שליטעלע פֿון מיינע קינדער יאָרן.

אַ דעכעלע מיט ווייסן שניי באַלאָדן,
אַ פֿענצטערל מיט אייז־בוימער באַמאָלן.

אַ טייכעלע מיט דימענט פֿראָסט געפֿראָרן,
אַ ווייסער חלום לאַנג שוין לאַנג פֿאַרלאָרן.

אַ וועלדעלע מיט זילבערנע בעריאָזן,
אַ סטעזשקעלע פֿון שוואַרצע טריט פֿאַרלאָזן.

אַ ווייסער באַרג, און קינדערלעך זיך פֿרייען,
ווי קאַנדל־צוקער לעקן ווייסע שנייען.

אַ גאָלדן שליטעלע אין אַ וועלט פֿון זילבער,
אויפֿן שליטעלע אָנגעפּעלצטע קינדער.

און יידעלעך מיט זילבער בערד און פּאות,
און באָבעלעך מיט זילבערנע מטבעות.

און זיידעלעך מיט שניי אויף ווייסע האָרבעס,
און טאַטעלעך מיט ווייץ אין זייערע טאָרבעס.

און פֿערדעלעך ווי אָדלער ווייסע שוועבן,
אויף סאַמעט־שניי פֿון אויסגעשטראַלטע וועגן.

און מאַמעלעך פֿרומינקע און שטילע —
מיין שטעטעלע — אַ טרויעריקע מגילה.

אַ גאָלדן שליטעלע אויף וואָלקנס ווייסע.
אַמאָל, אַמאָל, איז געווען אַ מעשה.

אַ גאָלדן שליטעלע פֿון אַ היים אַ ווייטער —
מיין היים — אַ פֿאַרברענטער שייטער...

— — — — — — — — — — — — —

די באַן זי פֿליט מיט אַ גרוים געפּילדער,
שטעפּט אַ ליד אויף ווייסן שניי פֿון זילבער...

דער לעצטער פון אַ שטאָט

איך האָב היינט געלייענט אַ בריוו פון אַ יידן,
דער לעצטער פון אַ גאַנצער עדה פאַרבליבן.

וואו האָב איך גענומען כוח עס צו לייענען,
די בלוטיקע אותיות פון אַ קדוש פון „איינעם״?

אין אַ חזיר-שטאַל האָט אים אַ פויער באַהאַלטן,
צווישן חזירים דאָס לעבן דערהאַלטן.

עס האָבן חזירים געדרייט זייערע שנוקן,
פאַרשריגן זיין נפש מיט אַ חזיריש מרוקן.

נישט מענטש און נישט חזיר —אַ נייער מין וואָרעם,
ליגט איינגעבייגלט אין אַ חזירשער נאָרע.

דערנידריקטער מענטש — טריפהנער צופאַל
צו הויזן מיט חזירים אין בלאָטיקן אָפפאַל!

די זון ניט געזען — דאָס טאָגליכט פאַרגעסן,
פון ערגעץ אַ זונשטראַל — ווי אַ חלפדיק מעסער.

מאַלפּיש באַוואַקסן, אין אומצוכט געלעגן,
צו ראַטעווען דאָס לעצטע נאַקעטע לעבן.

איצט שפּאַנט ער צווישן חורבות און קברים,
טראָגט אויף זיין לייב איובס יסורים.

צוויי יאָר אַ סקעלעט פון מענטשלעכע ביינער,
ער זאָל בלייבן דער לעצטער, דער „איינער״.

אַ ייִד איז געבוירן

אין אַ גרוב מיט געשאָסענע מענטשן אין גרויל,
איז אַ מאַמע געלעגן, אין איר אָרעם אַ קויל.
איינער אויף איינעם איז געפאַלן אין גרוב,
האַלב ניט דערשטאָכן אין גיהנום אַראָפּ.
ווי הימל זאָל פאַלן, אַראָפּ צו דער ערד,
האָבן העלדזוער געגוססטט — און זי האָט געהערט:
דעם סוף פון דער וועלט — די זון לעשט זיך אויס,
דורך בלוט און דורך מאָרד אַ פאָלק גייט דאָ אויס...

קינדער אין מאַמישע אָרעמס פאַרקלעמט,
דורכגעלעכערט פאַרגליווערט אין הענט.
ווי אַ חיה זי האָט זיך פון קבר באַפרייט,
צוגעפויזעט צו אַ בוים אין אַ זייט.
מיט וואָרצלען געשלענגלט טיף אינם גרונט,
האָט די קאָרע פון איר האַנט געזויגן די וואונד.
אין שאָטן פון בוים האָט זי דערפילט,
אויף גיפטיקער ערד געבערט זי אַ קינד.

פון וויטן דער קבר מיט פייער און בלוט,
האָט זיך געהויבן אַרויף און אַראָפּ.
אַ געשוואָלענער באַרג בלוטיק און שוואַרץ,
האָט זיך געהויבן ווי אַ לעבעדיק האַרץ.
צווישן כאָרכל פון פיין, צווישן פייער און רויך,
ווי צוואַנגען געשטאָכן די געדערים אין בויך.
צווישן יאָמער און טויט אויף געשאָכטענעם פעלד,
איז געבוירן געוואָרן אַ ייִד אויף דער וועלט...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

די מאַמע טראָגט אייביק די גיפטיקע וואונד,
דאָס קינד צו להכעיס וואַקסט שיין און געזונט.
שמשונס קרויזן ער טראָגט אין די האָר.
משהס ליכט — פאַר זיין געפייניקטן דור.
עמוס קלוגשאַפט — לויכט אין זיין אויג.
געבוירן אויף חורבות — שטאַרקער פון טויט,
אין גרויליקן דור — פון מענטשלעכן שניט,
אַ קינד איז געבוירן — זיין נאָמען איז ייִד!

אַ פֿאַרלוירענער ניגון

אין געטאָ איז שטיל. עס שווייגן די שטיינער,
פֿון קעמפֿער עס רויכערט דאָס אַש און די ביינער.

די ערד פֿון בית־עולם מיט בלוט דורכגעקנאָטן,
עס הויבט זיך פֿון קבר אַ געבויגענער שאָטן.

פּרץ צום אַלטן מאַרק נעמט שפּאַנען,
דער לעצטער ייִד אַוועק איז פֿון דאַנען.

ער זעצט זיך אַוועק אויף אַ שטיין דערנעבן,
ער הערט אַ ניגון — אַ ניגון פֿון לעבן...

פֿון בערג מיט קברים דער ניגון געשפּונען,
דער פֿאַרלוירענער ניגון האָט זיך געפֿונען.

ער זעט דריי מיידלעך מיט טרויעריקע שטימען,
„די נייטאָרינס דריי" זיי שפּינען און שפּינען...

זיי שפּינען און שפּינען די בלוטיקע פֿעדים,
טויט האָט פֿאַרשלונגען דאָס לעבעדיק לעבן.

און „באַנטשע" שווייגט מיט פֿאַרשטאַרטע אויגן,
די נייטאָרין זיצט איבער אים איינגעבויגן.

זי שפּינט, און זי שפּינט, דער פֿאָדים נעמט שטראַלן,
אַ פֿאָדעם פֿון זון אויף זיין וואונד איז געפֿאַלן.

שטיל איז אין געטאָ — אַלץ איז אַנטשוויגן,
זי שפּינט, און זי שפּינט דעם פֿאַרלוירענעם ניגון.

ערגעץ ווייט ער הערט דאָס געזאַנג פֿון חסידים,
דער ניגון ער וועקט די פֿאַרגליווערטע ייִדן.

פּרץ לייגט זיך אין געטאָ אַנידער:
„איך וועל בלייבן מיט אייך פֿאַרפּייניקטע ברידער"

איך האָב ביים לעבן מיט אייך זיך געברידערט,
איך וועל אויך אין טויט מיט אייך זיין פֿאַרגלידערט.

דער פֿאַרלוירענער ניגון האָט זיך געפֿונען,
און העלט אין געטאָ מיט אייביקע זונען...

ש י כ ע ל ע ך

שיכעלעך סאָרטירטע,
שיכעלעך פאַרשנירטע,
שיכעלעך מיט צונגען פאַרשניטן.
שיכעלעך פאַרטרוימטע,
שיכעלעך פאַרקוילטע,
שיכעלעך מיט געהאָרביקטע ריפּן.

שיכעלעך פון שמאַטעס,
שיכעלעך מיט לאַטעס,
שיכעלעך מיט בלוטיקע שפּורן...
שיך ניט געלעבטע,
פון קינדער געקעפּטע,
שיך פון פאַרשניטענע יאָרן...

געטוליעטע שטומע,
מיט נעזעלעך קרומע,
שיכעלעך פון דערמאָרדעטע קינדער,
שיכעלעך נעמט שפּאַנען,
דורך וועגט און דורך צאַמען,
שיכעלעך — דייטשלאַנדס געפּלינדער.

שיכעלעך — געשפּענסטער,
קלאַפּט אין טירן און פענצטער
די וועלט זאָל אויפקלינגען.
שיכעלעך אין פּאַניק,
שיכעלעך — „מאַידאַניק"
נעמט טופּען און שפּרינגען!

נעמט קלאַפּן און וועקן,
זאָל וועלט זיך דערשרעקן,
בעט ביי די קינדער מחילה:
עדות פון חורבן,
פון יעדן קינדערשן קרבן,
דערציילט די טרויער-מגילה.

שיכעלעך פאַרשעמטע,
פון פיס אָפּגעפרעמדטע,
א לוויה פון שיכעלעך שפּאַנען,
שיכעלעך פאַרפוילטע,
שיכעלעך פאַרקוילטע,
די וועלט צו דערמאָנען!

אַ ווייסע קלייד

מיין מאַמען — געהייליקט

אויף פלעקן טיפוס בין איך געלעגן,
הינטער שטאָט געפלאַקערט האָט די שלאַכט.
אין אַ פרעמדער שטוב אויף וואַנדער וועגן,
האָט מען מיך קוים לעבעדיק געבראַכט.

פון אונדזער היים אַרויסגעטריבן,
מחנות וואַנדערער אין וועג;
זיך אין קעלער שטוב פאַרקליבן,
מיט בעביכעס דאָס איינציקע פאַרמעג.

די הייזער האָבן שווער געציטערט,
די באָמבעס האָבן שטאַרק געבומט;
דער הונגער האָט דאָס פאָלק געפיטערט,
מיט זיין אייטערדיקער וואונד.

איך בין געלעגן אויף דאַרע שטרויען,
אַן איינגעדרייטע ווי אַ שפּין.
לעבן פענצטערל דעם גרויען —
מיין קינדיש גופל קראַנק און דין.

עס איז קיין דאָקטער ניט געוועזן,
און אויך קיין היילונג — מעדיצין.
נאָר מיין מאַמע איז געזעסן,
און געהיילט מיך מיט איר שטים.

אויף מיין גוף — די רויטע פלעקן,
ווי מיט מאָן מיין לייב פאַרזייט.
אין היץ-קאָשמאַר איך האָב געבעטן
געחלומט פון אַ ווייסער קלייד.

אין פיבער צווישן וואָר און חלום —
פון ווייסן זייד עס שנייט, עס שנייט;
פון די טיפע טויטע טאָלן,
מיידלעך טראָגן מיר אַ קלייד.

פון די טאָלן הויבט זיך העכער,
אַ געשטאַלט צו מיר אָן רייד.
זי האַלט אין האַנט אַ דימענטן פּעכער,
און מעסט מיר אָן דאָס ווייסע קלייד...

זעלנער, זעלנער מחנות שטיוול,
טאַנצן אויס אַ שווערדן טאַנץ.
און עס שפּילט אַ וואונדער פידל,
פון די מיידלעך ווערט אַ קראַנץ.

מאַמע, מאַמע, איך וויל אויך טאַנצן,
מיט די מיידלעך אין קאַראַהאָד.
נאָר דאָס קלייד אָן גוף אינגאַנצן,
דרייט זיך, דרייט זיך, אין אַ ראָד.

עס שוועבט אין טאַנץ מיט לאַנגע שפּיצן,
עס טאַנצט אַליין אין רונדן קרייז;
באַמבעס לאַכן, הייזער בליצן,
און דאָס קלייד עס פלאַטערט ווייס.

איך ליג געקלעמט ווי אין צוואַנגען,
איך וויל בלויז אָנרירן דאָס זייד.
איך קאָן דאָס קלייד ניט דערלאַנגען,
עס שוועבט אַוועק אין ווייט, אין ווייט.

מאַמע! מאַמע! איך נעם זיך שטרעקן:
גיב מיר אָט דאָס ווייסע קלייד.
פון קאַשמאַר זי נעמט מיך וועקן —
פאַר מיין בעט עס ליגט שוין גרייט...

פון די אויגן פונקען שטערן,
ווייסער שניי ביי מיין בעט:
עס טאַנצן נאָדלען, ציטער שערן,
איך האָב פון היץ געווים גערעדט.

ביי מיין בעט אַ קלייד אַ לאַנגע,
פון פראָסטן לייוונט אויפגענייט.

אין מיינע אויערן דינסטע קלאַנגען,
מיין מאַמע זיצט ביים בעט און וויינט.

עס ליכטיקט זיך מיין זכרון,
ווייסע שפּיצן — זייד עס שנייט.
ווען איך בין געזונט געוואָרן,
אַ דאַנק מיין מאַמעס ווייסע קלייד...

דעם זיידנס שטעקן

ניט צום שלאָגן, ניט צום שרעקן,
האָט זיך איינגעקריצט מיין זיידנס שטעקן.

דער זיידע שטייט, ווי אַ דעמב אינמיט,
די אייניקלעך אַרום אים געשמידט.

די אייניקלעך צו זיין גוף געדריקט,
יעדעם קינדיש הענטל אַ גראָשן קריגט.

מיר, דער עלסטער וויל זיך שמעקן,
דעם צעדער־בוים אין זיידנס שטעקן.

גיט דער זיידע מיר דעם שטעקן אָפּ,
מיט קינדער פרייד זינגט אויף די שטוב.

מיט בשמים זיסע שמעקט דאָס האָלץ,
איך בין ביי זיך גרויס און שטאָלץ.

איך מעסט זיך מיטן שטעקן אָפּ,
איך בין נאָך קלענער פון זיין קאָפּ.

די באָבע גיט די האָר אַ שאָר,
מויד, ווי דער שטעקן ביסטו דאָר!

און זי רופט אויס, פריידע קרוין,
וויי — אין שטעקן זעט זי גאָר אַ צעדער בוים!

נאָר מיר איז גוט — איך שמעק איצט וואַלד.
צו מיין זיידן מיין פּנים שטראַלט —

און מער פון אַלץ מיין פּנים פלאַמט,
אויפן שטעקן רוט מיין זיידנס האַנט...

די מאַמע שמייכלט — אַזאַ יאָר צו מיר,
פאַר איר יעדן ביינדל — מיר פאַר איר!...

די הייליקע שמה

מיין ברודער האָט מיר געשיקט
אַ בלוטיקע, הייליקע שמה.
דער ספר פון רשע צעפליקט;
געבליבן די צעבלוטיקטע שמה.

אויפן באַרג פון ביינער און אַש,
פון אַ מיליאָן פאַרפייניקטע יידן.
איז געלעגן אַ שמה פון ש"ס
מיט בלוט די אותיות פאַרשריבן.

דאָס אַש פאַרשוואַרצט אין פלאַם
פון מענטשלעכע גלידער:
איך שיק דיר ירושה פון שטאַם
פון מיינע הייליקע ברידער.

פון טאַטע, מאַמע, מיין ווייב
אַ באַרג אַש איז געוואָרן.
די שמה דער איבערבלייב.
די גאַנצע משפחה פאַרלאָרן.

איך האָב עס געטראָגן אליין
פיר בלוטיקע יאָרן.
איצט וויל איך דאָס אַש פון געביין
ברענגען צו קבורה.

איך שרייב איצט שוועסטער צו דיר,
איך קאָן שוין די שמה ניט האַלטן —
נעם צו די שמה פון מיר —
פיר יאָר איך האָב זי באַהאַלטן.

מיר זיינען געוועזן אַ וואַלד,
איצט בין איך אַ צווייגל פאַרבליבן.
איך בין היינט טויזנט יאָר אַלט,
אַזוי האָט מיין ברודער געשריבן.

איך שיק דיר די שמה מיט אַש,
זי איז ניצול געבליבן דורך פלאַמען;
אין בלוטיק פּרק פון ש"ס,
דאָס אַש פון טאַטע-מאַמען.

דאָס פּנים פון מיין מאַמען

איך הויב דיך אויף פון אַש, און טראָג אַוועק דיך צו די זונען,
איך האָב היינט, מיין מאַמע, אין פרילינג דיך געפונען.

אין זילבער צווייט, פון גרינע בליטן אויף די לאָנען,
האָט אַלץ געזונגען בליאונג דיר, מיין מאַמע.

עס האָט דער וואַסערפאַל געשאַלט מיט גבורה פון די פעלזן,
אין פאַרטויבט געוויין פון שייטערהויפן: „בעלזן״.

וואָס האָט פאַרצערט און אויסגעלאָשן דיר דאָס לעבן,
איך האָב געזען דיין פּנים אויף פליגלען וואָלקנס שוועבן.

עס האָט דער וואַסערשטראָם געשלאָגן זיך מיט פויסטן זונען,
אין הארץ פון אייביקייט — זיין ברויזן גאַנג געשוואומען...

און באַפרייט פון ווינטער-פראָסט די אייזיק שטומע קייטן;
דער פרילינג האָט געשפּילט אויף וואַסער-פלייטן.

איך האָב די ערד צעגראָבן און פאַרזייט די זוימען,
און פאַרגלעט די ערד מיט מיינע שטילסטע טרוימען.

די ערד צעקאַמט ווי פון שוואַרצע קאַמען,
אין מיטן פעלד האָב איך גערופן דיך — מיין מאַמע!

צו די בערג און טאָלן — דאָס קול ווערט ניט פאַרפאַלן,
עס וועט זיך אָנקניפּן מיט קולות אַנדערע וואָס שאַלן...

אַ פאָלק וואָס רופט אין וואָגלעניש אין קלאַמען —
אַ פאָלק וואָס זוכט די ליבשאַפט פון אַ מאַמען...

און שעלט די צייט פון שרעקלעכסטן מנובל,
אין יעדן ווינקל פון דער וועלט וויינט ווי איך אַן אַבל.

איך האָב דערפילט דיך ביז די טיפעניש פון שטאַמען
פון אַלץ האָט אַרויסגעשטראַלט דאָס פּנים פון מיין מאַמען.

געזאַנג צום לעבן

אברהם סוצקעווער

אברהם סוצקעווער דיכטער מיינער ווייטער,
אויסגעלייזט פון גהינום און פון שייטער.

דו ביסט פלאַם געווען און דער קרבן,
דו ביסט טויט געווען — און ניט געשטאָרבן.

מיט דיין יידיש ליד תחית-המתים אויפגעשטאַנען,
פאַר די שטערן געטראָגן דיין קליינע מאַמען.

דורך טויט און פייער האָסטו זי געטראָגן —
זי האָט געבעטן: מיט איר ווידוי זאָגן.

ווען שונא האָט פאַרוואונדעט איר שאַרבן,
האָסטו פאַרוויגט זי מיט דיין ליד פאַרן שטאַרבן.

האָסט די האַק גענומען דיין איינציקן שומר,
אין וואַלד אַוועק צווישן דערנער צווישן בוימער.

מיט די יידישע גבורים, מיט די פאַרטיזאַנען,
נקמה נעמען פאַר דיין פאָלק, און מאַמען.

אין אַ הייל ווי אין אַ קבר האַלב פאַרשאָטן;
האָסטו דיין יידיש ליד מיט בלוט און ערד פאַרקנאָטן.

דער שונא איז געפאַלן — דו וועסט ווייטער וועבן
דיין יידיש ליד: געזאַנג צום לעבן.

דער גאָלדענער בעכער

ביים זיידנס סדר אויפן היסב-בעט,
האָבן קינדערשע פינגער דעם בעכער געגלעט,
ווען זיידע געהויבן דעם בעכער מיט ווייַן,
ווי די זון וואָלט אין גאָלדענעם בעכער אַריין...
אויגן מיט ליבשאַפט צום בעכער געשמידט...
קינדערשע ליפּן דורשטיק צעגליט,
דער דורות-בעכער פון יום טוב און ווייַן,
באַשיינט און באַשטראַלט די יידישע היים.

און אַט איז געוואָרן דאָס שטעטל פאַרלענדט,
די חפצים מיט מענטשן אינאיינעם פאַרברענט,
נאָר איינער אַ זון איז אַנטלאָפן באַנאַנד,
דורך טויט און דורך פייער מיט בעכער אין האַנט.
די גזירות פון שטאָט דורך שונא געגרייט,
האָט גאָלדענער בעכער דעם גורל געטיילט...
געלאָשן דאָס בלוט פאַרקלעמט צווישן ציין,
גאַנץ איז געבליבן דער בעכער און ריין.

דער גאָלדענער בעכער צעפינקלט אין הויך,
פון דורות צעשטראַלט מיט יידישן כוח,
מיט בלוטיקע טרערן געפילט ביזן ראַנד:
קלאַמערט זיך ווידער אין אַ יידישער האַנט.
זיין הויט צעקריצט ווי די הויט פון אַ מענטש,
הויבט זיך דער בעכער און ווידער ער בענטשט,
ציט זיך צו ליפּן מיט שומיקן ווייַן,
ער איז לעבן געבליבן, אַן עדות צו זיין...
דער גאָלדענער בעכער דורך פלאַם און דורך פייער,
צו ווינטשן „לחיים", אַ וועלט אַ פרייער!

גיב מיר כוח

גיב מיר כוח, גיב מיר ליכט, גיב מיר גלויבן,
צו טראָגן דעם צער פון מיין פאָלק.
האָסט דעם אָדלער מיט פליגל דערהויבן,
דעם מענטש פאַרוואַנדלט אין שטויב!

האָסט מיט איובס פּלאָג מיך געשלאָגן,
מיינע הייליקסטע האָט מען געטויט:
גיב מיר כוח דעם צער צו פאַרטראָגן,
מיין צער איז פול ווי אַן אויג.

איך בין פלוצלונג אַלט געוואָרן,
אַזוי אַלט ווי מיין פאָלק אין זיין קלעם.
האָסט מיך מיט צאָרן געשלאָגן,
מיט דורות קידוש השם.

מיין פאָלק, מיין שטאַם איז געשלאָגן,
הויב עס אויף צוריק צו דיין הויך.
איך האָב שוין קיין טרערן צו קלאָגן,
גיב מיר כוח, גיב מיר כוח!

די האַרף

דורך יאָרן און צייטן געגרינט האָט אַ בוים;
אַ דעמב אין שאָטן פאַרטראַכט.
געקומען אַ מייסטער, אַ דיכטער אין טרוים —
אַ האַרף פון דעם בוים געמאַכט.

ער האָט געשפּונען דעם זויבערסטן קלאַנג,
דורך חלום די סטרונעס געוועבט.
ער האָט געשפּילט דאָס שענסטע געזאַנג —
פון זונליכט דעם כּישוף געשעפּט...

ער האָט געשפּילט פון טייכן און וואַלד;
קלאַנגען וואָס פליסן געהיים.
אַזאַ פרייד אין זיין ליד האָט געקוואַלט,
ווייל קלאַנג איז געווען ער אַליין.

געכשופט פון פעלזן דאָס ליד,
פון שטראָמען וואָס זינגען אין שטיין.
געזאַנג פון שטערן האָט ער אויסגעשפּילט,
ניט געוואוסט האָט די האַרף פון געוויין.

זיין האַרף צעוואונדיקט און באַנג,
אויף זיין פאָלק געפאַלן אַ גזר —
איצט יאָמערט זיין יעטוועדער קלאַנג —
די סטרונעס זיי וויינען אין צער.

זיין האַרף זי וויינט דורך פינצטערע נעכט,
ער זוכט אין די קלאַנגען אַ טרייסט.
זיין פאָלק דורך גזרות פאַרקנעכט —
ווי ווערט עס פון פּיין אויסגעלייזט?!

דער מייסטער געבויגן, דער קאָפּ פאַרשנייט,
די פינגער אין שטילן לאַמענט.
די האַרף אין צער און אין טרויער פאַרגייט,
ווען מייסטער רירט צו זיינע הענט...

פורים 1947

פאָלק, מיין פאָלק, אויסגעפּרואווט פון יסורים,
דו פייערסט היינט אַ נייעם פורים.

אין פלעמלעך ליכט פון דיינע פאָנען,
פלעמלען יאָרצייטן — און לעבנס מאָנען.

די ערד איז זאַט מיט דיינע קברים,
עס טאַנצט נאָך ניט דעם טאַנץ פון פורים...

עס טאַנצט נאָך ניט אויף צווייטן המנ׳ס קבר,
אין יעדן יידן בלוטיקט שטיקער פון אַן אבר.

דער פעטער מרדכי ליגט נאָך הינטער דראָטן,
אסתר המלכה זיצט פאַריתומט אין אַ שאָטן.

אין שוואַרצן טרויער איינגעהילט די גלידער,
זי זיצט אין די לאַגערן מיט אירע ברידער.

פאָלק, מיין פאָלק, דו שיקסט שלח-מנות,
פולע שיפן-יידן: היטלערשע קרבנות...

האַס און שנאה די גרעניצן פאַרשטאַרקן,
די ימען זידן מיט ענגלאַנדס פלינקע שאַרקן!

מיין פאָלק געשטאַרקט אין ווילדן שטורעם,
דו פייערסט היינט — אַ נייעם פורים...

שפיל יהודה!

יהודה מנוחין האָט געשפּילט פאַרן הערן־פאָלק אין בערלין און דערקלערט: מוזיק איז „אינטערנאַציאָנאַל" און ניט „נאַציאָנאַל".

איז ער אַ זון פון פאָלק פון מיינעם?
וואָס שפּילט פאַר דייטשע אדל־לייט!
וואו איז דער שמשון מיט די זיילן,
וואָס האָט צעטרייסלט מיט שטאָלץ דעם פיינט?

עס שטייט אין זאַל דער פידל־מייסטער,
מוזיק איז „אינטערנאַציאָנאַל",
דיין פידל איז אַ שלאַנג פאַר גייסטער
וואָס גיסט אויף וואונדן קלאַנגען־גאַל...

ווען דו שפּילסט אין קונסט אָרקעסטער,
אין בערלינער מוזיק־הויז,
הערסטו ניט געוויין פון שוועסטער,
פון די גאַז־אויוונס אַרויס?

הערסטו ניט געקלאָג פון יידן,
הינטער קלאַנג פון שטראַוסעס וואַלץ?
שפּרינגט ניט אָפּ אין שאַנד דיין פידל —
ווארגט דיך ניט דער גאַז אין האַלדז?

שפּיל, יהודה, צויבער קלאַנגען!
דייטש־אָרקעסטער, פּויק און באַס!
ס'איז נאָך ניט דער רויך פאַרגאַנגען,
עס שוועבט נאָך אום דער ציקלאָן־גאַז...

מען האָט מיין פאָלק געפירט אין אויוון,
אַן אָרקעסטער האָט געשפּילט —
דעם טויטן מאַרש צו פאַרטויבן...
שפּיל, יהודה, ווילדער, ווילד!

גיי דערנאָך אין פּליטים לאַגער,
פאַרשוועך דעם „אינטערנאַציאָנאַל".
דיין וואָרט פאַר אונדז — המנס גראַגער —
שפּיל, יהודה, דיין פינאַל!

דיין געבראַנדמאַרקטע האַנט

גיב ניט קיין ציטער, מיין שוועסטער,
דיין נומער גליט אויף דיין האַנט.
געשטעמפּלט פון נאַצי־בעסטיע,
אַ נומער — פון מערדערשן בראַנד.

דיך געשטעמפּלט ווי אַ שאָף צום שעכטן,
אין דיין פליייש דעם נומער געקריצט.
דיין מיידלשע ריינקייט פאַרקנעכטן,
ווי דיין פאַלק פון טויט אומבאַשיצט.

ווי שאָף געפירט צו דער שחיטה,
מען האָט דיך קיין דאַכאַו געפירט.
אין קייטן די פיס געשמידטע,
האָסט מיט מאַרטירער מאַרשירט.

איצט ביסטו אַהער אָנגעקומען,
דיין צער איז טיף ווי דער ים.
האָסט איבערגעלעבט דעם המן,
טאָכטער פון יידישן שטאַם!

מיט פּחד און שרעק געשפּענסטער,
אויף יעדן דו קוקסט מיט חשד.
דיינע אויגן פאַרנעפּלטע פענצטער,
צוויי שטיקער — נע־ונד...

באַהאַלט ניט דעם נומער מיין שוועסטער,
טראָג אים שטאָלץ ווי אַן אַרעמבאַנד.
פון דיינע בריליאַנטן — דער שענסטער,
דער נומער אויף דיין יידישער האַנט.

זאָל אָט דער נומער דערציילן,
די זון זאָל זיך רויטלען פון שאַנד —
די וועלט זאָל דורך מעשים פאַרהיילן,
דיין יידיש געבראַנדמאַרקטע האַנט!

אַ מערדערין — אַ מענטשן שפּין

1.

וואו איז היינט גערעכטיקייט,
פאַר שטראָף פון מאָרד און זינד?
אַ דייטשע הור זי טראָגט אין לייב,
פון זינד און מאָרד אַ קינד.

אַ דייטשע הור, זיצט אין צעל,
פריי זי וועט אַרויס!
איר הויט איז ניט פון חיה פעל,
זי טראָגט אַ קינד אין שויס.

אַ קאַניבאַלין, אַ פרויען שלאַנג,
פון גיפט אַ מענטשן שפּין!
זי האָט געלאָקט נאָך מענער פאַנג,
נאָך שלאַנקע, יונגע זין.

איר באַגער געשטילט מיט טויט,
די קאַלטע מערדער־הור!
געמאַכט האָט זי פון מענטשן־הויט,
אַ לאָמפּן אַבאַזשור!

געמאַכט האָט זי פון מענער־הויט,
האַנטשו אויף אירע הענט!
די שענסטע זין געשיקט צום טויט,
און הויט־לאָז זיי פאַרברענט!

2.

ווען עס שיינט אַן אבאַזשור,
מיט וואַרעם גאָלדן ליכט;
געפינט אין אייער לאָמפּ אַ שפּור,
פון אַ פאַרפייניקטן געזיכט.

אין אבאזשור עס וויינט אַ קול,
פון לאָמפּ עס וויל אַרויס.
לעשט אויס די לאָמפּן מיטאַמאָל,
זאָל פינצטער זיין אין הויז!

ווען איר זעט אַ האַנטשו דין,
ווענדט אָפּ דאָס אויג אין שאַנד;
עס האָט געשטעקט אַ האַנט דאַרין —
אַ ייִנגליש שלאַנקע האַנט.

מיט נערוון-בלוט, די הויט ווי זייד,
די האַנט זי דראָט אין לופט.
צו דער וועלט-גערעכטיקייט,
די טויטע האַנט זי רופט!

דאָס אַש פון אונדזער פאָלק עס שרייט,
— ווייַ צו אונדזער בראָך!
אַ קאַניבאַלין ווערט באַפרייט,
דייטשלאַנדס „אילזע קאָך"!

געבורט

דער וואָלף האָט דערהערט אַ קרעכצן אין וואַלד,
געלאָפן דעם הונגער צו שטילן.
ער האָט דערשמעקט צווישן פעלזן־שפּאַלט,
אַ פוקס פאַרשטיקט אין געבּרילן.

דער וואָלף האָט אויסגעשטירעט די ציין,
מיט איין שפּרונג דעם פוקס דערשטיקן...
דער וואָלף האָט דערהערט פאַרשטיקט אַ געוויין,
דערזען צוויי פוקסישע בליקן.

צוויי פוקסישע בליקן פאַרלאָפן מיט בלוט,
הילפלאָזע, שטומע זיי קוקן.
דער וואָלף ער זידט אין וועלפישן וואוט,
גרייט אים אינגאַנצן פאַרצוקן...

אַ פוקס איז געלעגן אין מאַמישער וויי,
איר בויך ווי אַ פויק אויפגעלאָפן.
און אויף פעלזיק — זילבערנעם שניי,
האָבן זיך רויטע פיקסלעך צעשאָטן.

דער פוקסישער האַלדז פאַרדרייט אין אַ קראַמף,
געהעשעט אין ווייען פאַרשטיקטע.
פון מויל געשלאָגן אַ וואַרעמער דאַמף,
די פוקסלעך צום לייב צוגעדריקטע.

דער וואָלף האָט מיט שטילער אימה געקוקט,
אויף די נייע פוקסלעך געבוירן.
פאַרשעמט פון זיין גיר — צוריק זיך געררוקט,
אין וואַלדיקער ווייסקייט פאַרלוירן...

דער פײניקער און זײַן קרבן

דער פײניקער ער זיצט,
בײַ זײַן טיש געבויגן.
זײַן קרבן שטײט און בליצט,
מיט שטומע טרויער אויגן.

דער פײניקער ער לאַכט,
מיט פײערלעך ווי שפּיזן.
דער קרבן שטײט און טראַכט,
ווי קלײן עס זײַנען ריזן...

דער פײניקער ער ברומט,
זײַן קרבן צו פאַרצוקן.
דער קרבן זײַנער שטומט,
די דינע אַקסלען צוקן.

דער פײניקער זיך גרויסט,
ער האָט זײַן רום דערוואָרבן.
מײלן ווײַט ער שטויסט,
אַוועק פון זיך זײַן קרבן.

פײניקער, עס שײַנט —
ווייסט ניט וועמעס מאָרגן...
ביסט פײניקער בלויז הײַנט,
מאָרגן ביסטו דער קרבן!

צו אַ לעצטערער פון וואָרט

טעכטער יידישע, געביין פון מיינע גלידער,
פון דורות געהייליקטע שוועסטער.
איך האָב היינט דערפילט אויף מיינע לידער
ווי אייער גורל ווערט געלעסטערט.

איך האָב היינט, דערפילט די בייטש פון צאָרן
יעזואיטיש פרומע רייד,
דעם גרויל פון אייערע טעג און יאָרן
איך בין אַ רינג אין אייער קייט.

אַ לעצטערער פאַראומרייניקט אייער צניעות,
דורך בלבולים אייך פאַרשוועכט.
דורך פרומע פאַלשע צביעות,
דאָס וואָרט דאָס אייגענע פאַרקנעכט.

איך האָב היינט דערפילט אייער דורותדיקן שקלאַפן,
איבער מיין לייב די סמיקע רוט.
איך וויל אייך ניט פאַרטיידיקן מיט קיין שום וואָפן,
נאָר מיט דער ריינקייט פון אונדזער יידיש בלוט.

איך נעם אַראָפּ פון אייך די שענדליכע בלבולים,
שוועסטער מיינע איר זייט ריין פון זינד.
די באַליידיקער וואָס וואַרפן אייך זלזולים,
זיי בילן אייביק ווי די צערייצטע הינט.

דאָס לעבן בייטשט אייך ווי אַ בייזער שטורעם,
אַ פאַלשער נביא גלאָצט מיט אַ פרום געזיכט.
איך נעם אויף זיך אייערע ווייען און יסורים,
כדי עס זאָל הערליכער לויכטן אייער ליכט.

איך בין דורכגעגאַנגען דורך סכנות,
מיין לעבן איז געווען אַ שווערער גאַנג.
פונם בעל־שם־טוב שטאַמען מיינע אָבות,
איך טראָג אין זיך דאָס ליד פון זיין געזאַנג.

ווי אַ זייל וואָס לויכט אַלעמען אַריבער,
רבניש בלוט אין מיר עס גליט,
אין דורות פיין פון מיינע לידער —
איך האָב אייך געהייליקט דורך מיין ליד...

די קללה שיף

עס שווימט אַ שיף צו די ברעגן פון מאַנהעטן,
אַ מערדער־יאַכט שווימט צו אונדז אַנטקעגן.
עס שווימען נאָך זעקס מיליאָן סקעלעטן,
ריטשען אוים דעם טויט אויף אַלע ברעגן.

עס איז ניט קיין רויך וואָס קנוילט פון קוימען,
עס קנוילט דער גאַז פון זעקס מיליאָנען יידן.
שלינג איין, דו ים, אין דיינע טיפע תהומען —
זאָלסט מיט דער יאַכט ווי דער סמבטיון זידן!

עס איז דאָס שטאָל מיט יידיש בלוט פאַרקנאָטן,
עס איז דאָס גלאָז פון טרערן אויסגעשליפן.
זאָל איר זכר ווערן אויף דורות אויסגעראָטן.
די קללה שיף — פון אַלע פעלקער שיפן.

עס שווימט אַ שיף — געשפּענסט מיט היטלערס פּנים,
ווער דאַרף די מערדער שיף דאָ אויף די ברעגן?
מיט יידיש בלוט עס ווײנען אַלע פאָנען,
איך שיק מיין קללה דער היטלער שיף אַנטקעגן...

ערשט נעכטן...

„דייטשע מערדער ווערן באַפרייט און
אַריינגעלאָזט אין די שטאַטן".

ערשט נעכטן האָט ער מיין מאַמען דערמאָרדעט,
ערשט נעכטן האָט ער מיין היים מיר פאַרברענט,
און היינט ווילסטו בויען ווידער זיין מאָרגן.
מיט גאָלד פאַרווישן דאָס בלוט פון די הענט.

ערשט נעכטן האָט ער פאַרצויגן אַ תליה,
מיין ברודערס מויל מיט סמאָלע פאַרקלעפּט,
די ערד וואו עס נעססטיקט גיפטיקע זריעה,
די האַנט וואָס האָט מיין ברודער געקעפּט...

ערשט נעכטן האָט ער מיין שוועסטער געפּייניקט,
פון איר יונגן מויל געריסן די ציין,
ווי קאָן אַ פאָלק זיין ווידער פאַראייניקט
מיט מערדער פון אייגן בלוט און געביין?!

ערשט נעכטן האָט ער מיין פאָלק פאַרשטיינערט,
זיין ראיה פאַרלאָשן — זיין צונג געטויט,
אויף אַש און אויף זייף די גופים צעביינערט,
ווי קאָן אַזאַ פריינטשאַפט ווערן געבויט?

עס שווימען אין לופטן די גסיסה געשרייען,
פון מיין זעקס מיליאָניק פאַרטיליקטן שטאַם!
ווי קאָן איך אויסשטרעקן די האַנט צו אַ חיה
וואָס וויל זיך פאַרשטעלן איצט פאַר אַ לאַם?!

ווי קאָן איך אים לאָזן אַרויף אויף די שוועלן?
און טיילן מיין לעבן מיט אים אויף דער פריי,
דאָרט וואו ער איז — וועט ער די זון מיר פאַרשטעלן,
מיט אומקום און בלוט, מיט טויט און מיט בליי...

איך וועל קיינמאָל מיין אייגן פאָלק ניט פאַרראַטן,
אַזוי לאַנג מיין האַרץ וועט שלאָגן אין גאַנג,
איך וועל שטענדיק געדענקען די מערדערישע טאַטן,
הינטער זיין פאַנצער נעסטיקט אַ שלאַנג...

דער גולם

דער גולם האָט זיך אויפגעכאַפּט פון חומר,
דער גולם האָט זיך אויסגעשיילט פון שטויב.
ער שטייט אויף וועגן ווי אַ פאַלשער שומר,
איז גרייט מיט מאָרד און יידן רויב.

דער גולם — ווי ווערסטו אים איצט רופן?
אַמאָל ערשט געווען איז ער אין היטלערס פעל.
אַט ערשט איז ער אין פּחד וואו געשלאָפן,
נאָר זע, ער לויערט שוין אויף דיין שוועל!

ער לויערט שוין אויף דיין קינד מיט זידל־ווערטער,
ער לויערט שוין אויף דיין פאָלק מיט האַק און שטיין.
און טרייבט דיך פון אַלע פרידנס ערטער,
און הייסט דיר פרעך: קיין „ישראל" גיין.

עס שטעכט זיין אויג די פאַרב פון הויטן,
די שוואַרצע הויט אין בלויען בלוט זי ברענט.
דער גולם גרייט איז ווידער שוין צו טויטן,
און האָט מיין לאַנד מיט „האַקנקרייץ" פאַרבלענדט...

דער גולם איז אין לאַנד דאָ אויפגעשטאַנען,
האַקט אָפּ אים גלייך די ערשטע טריט!
עס זאָל ניט ווערן „פּיקסקיל" קיין „מאַידאַנעק",
מיין לאַנד פון פעלקער פרייע אויסגעשמידט.

מיין לאַנד, דער אויסגעבענקטער טאָג מוז קומען,
פון ווייסע, שוואַרצע ברידער־הענט געבויט.
עס זאָל ניט פאַרשעמט ווערן „לינקאָלנס" נאָמען,
וואָס האָט דיר „פרייהייט" אָנגעטרויט.

די טענצערן

בלוט ווי מיין בלוט — הארץ ווי מיין הארץ,
מיין הויט איז ווייס — דיינע שווארץ.

דיין שלאנקער גוף אַ פּאַלמע בוים,
ווילד אַרום דיר קייכט המון.

ביסט יאָדערדיק ווי רייפער נוס,
ווי אויף נאָדלען טאַנצט דיין פוס.

דו וואַרפסט די הענט ווי שלאַנגען צוויי,
און טאַנצט דעם טאַנץ פון בלוט געשריי.

טאַנצט אוים דעם פיין פון שווארצן שטאַם,
דיין קאָפּ געקרויזט — אַ שווארצער לאַם.

דיינע אויגן — טייכן מיט געוויין,
טאַנצט אוים דעם יאָמער פון געביין.

מיט טויזנט פיס דער תליון שפּאַנט,
מיט בלוט אויף הענט אין פרייען לאַנד.

אויפן שייטער־פלאַם פון נעגער טויט,
הימל בלוטיקט דיין מאָרגן רויט.

דיין הויט הפקר, צו שאַנד און שפּאָט;
אַרום דיר קייכט אַ מענטשן ראָד.

דו קאָרטשעסט איין זיך ווי אַ שרויף,
זע, איך ברען ווי שוועבל אויף!

איך בין ניט שולדיק, שוועסטער, ניין,
איך בין ווי דו — דער קריץ פון ציין...

איך בין ווי דו, דער רוף פון ליכט,
אַז קומען וועט דאָס גרויס געריכט...

אויפֿן שאַרפֿשטיין פֿון אַ פֿערטל יאָרהונדערט

אויפֿן שאַרפֿשטיין פֿון אַ פֿערטל יאָרהונדערט,
האָב איך דיך אין ליבשאַפֿט געהיט.
פֿון דיין קאַמף זיך ניט אָפּגעזונדערט,
מיט דיר פֿאַרברידערט מיין ליד...

אויפֿן שאַרפֿשטיין פֿון אַ פֿערטל יאָרהונדערט,
אויף קוזניעס פֿון פֿייער געשמידט.
פֿון שלאַכטן די גלידער פֿאַרוואונדעט,
נאָר הייליק געהאַלטן מיין ליד...

אויפֿן שאַרפֿשטיין פֿון אַ פֿערטל יאָרהונדערט,
האָסט דערהויבן דעם נאָמען ייד.
ווי גראָזן נאָך זונליכט פֿאַרהונגערט,
דיין קאַמף געשפּייזט מיט מיין ליד.

אויפֿן שאַרפֿשטיין פֿון אַ פֿערטל יאָרהונדערט,
איך טראָג פֿון מיין פֿאָלק דעם שניט.
מיין האַרץ אין שטיקער פֿאַרוואונדעט,
און איך זינג אַלץ מיין יידיש ליד!

אַ תפילה

מיר זיינען די שאָף, און דו ביסט דער היטער,
מיר גייען געטוליעט אין אונדזערע טריט.
מיר זיינען די שאָף, און דו ביסט דער ציטער,
וואָס שפּילסט און כישופסט אַרויס אונדזער ליד.

קומט אָן אַ שטורעם אויף אונדזערע פעלדער,
מיר זיינען די שאָף און טוליען זיך שטיל.
קעפּלעך צו קעפּלעך, און העלדזער צו העלדזער;
פון דונער און בליצן מיר זיינען דער ציל.

טרעפט איינעם פון אונדז, דער פלוציגער שניטער,
די גאַנצע ערדה ברענט דורך פונם שניט.
די גאַנצע מחנה דערפילט אַט דעם ציטער,
פאַרשניטן פון אונדז אַן אייגענער גליד.

אַזוי ווי דאָס זאַמד, אַזוי ווי די שטערן,
אויף יעטוועדן ברעג, אויף יעטוועדן פעלד.
מיר קומען ניט, אום, נאָר מערן זיך מערן —
אין קראַנצן אַרום דאָס ליכט פון דער וועלט.

מיר זיינען די שאָף, און דו ביסט דער היטער,
פון אונדזער נידער צוריק אונדז דערהויב!
דורך פינצטערע נעכט שטראַל אויף פאַר אונדז ווידער,
ווי נאָכן מבול — די שניי ווייסע טויב.

און היט אונדז אוים פון אַ נייעם געוויטער,
הייל אונדזערע וואונדן, די קברים פאַרשיט.
מיר זיינען די שאָף און דו ביסט דער היטער,
פאַרהיט אונדז אויף אייביק פון אומקום און שניט...

יעדעס יאָר

יעדעס יאָר עס קומט אַ נייער פרילינג,
יעדעס גרעזל וועלקט מיט מיין געוויין.
מאַמע מיינע וואו ליגסטו פאַרטיליקט,
וואו זאָל איך זוכן דיין געביין?

יעדעס יאָר עס קומט אַ נייער זומער,
יעדעס יאָר וואַכט אויף די ערד פון שלאָף;
מיט יעדן יאָר טיפער נאָך מיין יאָמער,
מאַמע, איך רוף דיך, און איך רוף.

ווי אַ לעבעדיקע מצבה בין פאַרבליבן,
אויסוויינען דעם יאָמער פון מיין דור.
ניט מיט טינט, מיט בלוט איך האָב פאַרשריבן —
טרויער טעג וואָס ציילן אויס אַ יאָר...

מיין ליד

א.

מיין ליד איז היינט אַ שטילע טרער,
זיי שטיל מיין האַרץ, ניט ציטער.
איך שרייב מיט איר, איך האָב ניט מער,
מיין טינט איז זאַלץ און ביטער.

מיין האַרץ איז איצט אַ פולע וואָג,
און וועגט מיין שווייגן שווערן.
יעדער קאַרליק שלאָגט מיך, שלאָגט.
און וויל מיין זיין צעשטערן.

מיין נאַכט איז היינט אַ שוואַרצער ים
אין פינצטערע יסורים.
איבער מיר עס גיסט זיך סם,
איך בין אַ שיף אין שטורעם.

מיין ליד איז היינט אַ שטילע טרער:
דער אויפבליץ פון פּאָעטן.
דאָס לעבן ווי אַ גרויער בער,
וויל מיך מיט לאַפּעס טרעטן.

ב.

וואָש אָוועק פון מיר די טראָפּנס,
טראָפּנס שוויים פון קאַלטן שטערן.
טרייב אַראָפּ פון מיר די שאָטנס,
קוש אַראָפּ פון מיר די טרערן.

בעט מיר אוים אַ פעלד אַ גרינעס,
קיל מיר איצט אין טייך די וואונדן.
לערן אוים צוריק מיך שווימען,
איבער שטורעמדיקע גרונטן.

וויש אָוועק די שרעקן־בילדער,
גיב מיר אָפּ מיין בלויען הימל.
שטיל איין אָרום דעם שדים פּילדער,
די ווילדע הינט וואָס אויף מיר בילן.

ג.

עס האָט קאַפּעליע זיך צעפּילדערט,
שונאים לויערן אויף מיין לעבן.
טאַנצט קאַפּעליע ווילד און ווילדער,
שאַרפט די פעדערס ווי שווערדן.

בייטשט דאָס וואָרט מיט סמאָלע־ריטער,
שניידט די שורות, שינד זיי שטיקער.
זויפט זיך אָן מיט מיינע לידער,
און ווערט פון מיינע וואונדן שיכור...

סמט מיט גיפט די ריינסטע קוואַלן,
גיט זיי שפּעטער מיר צו טרינקען;
אין אייער נעץ איר וועט פאַלן,
אין אייער גרוב איר וועט זינקען.

אויף דער זון דעקט אויף די פלעקן —
ווי קומט צו אייך דאָס ליכט דערקענען?
איר קאָנט קיין שטראַל פון זון אָפּמעקן,
איר וועט די פינגער זיך אָפּברענען.

זאָל אייך שונאים וואויל באַקומען,
ווי קאָנען טויבע אויערן הערן?
איר הערט פון גרוילן בלויז דאָס זשומען,
ניט דאָס ליד פון צער און טרערן...

ב.

פרילינג

שלום דיר פויגל, וואָס זינגסט פאַר מיין שויב,
דאָס אייביקע ליד וואָס ווערט קיינמאָל ניט טויט.
דו פלאַטערסט צו מיר מיט אַ גאָלדענער זאַנג.
און ברענגסט אין מיין האַרץ צוריק דאָס געזאַנג,
איך נעם דיך אַרום וועלט אין מיין חלום —
איך גיב דיר אָפּ שלום, איך גיב דיר אָפּ שלום.

שלום דיר וועלט, אין גרינקייט באַקראַנצט,
דורך גאָלדענע פינגער פון זונען געפלאַנצט.
מיט זילבערנע פערל די גראָזן געשפּינט,
איך בענטש דיך מיין וועלט, איך האָב דיך פאַרדינט.
אויף מיין הימל שטראַלט אויף, דער אייביקער חלום —
איך גיב דיר אָפּ שלום, איך גיב דיר אָפּ שלום.

שלום דיר וועלט, דורך טאָל און דורך באַרג,
מיין חרובע וועלט — זיי ווידער געשטאַרקט;
מיט ברכות אויף פעלדער, גיי אויף אין דיין פּראַכט,
אַזוי ווי דער טאָג גייט אויף פון דער נאַכט.
עס לויכט אויף די זון מיט איר ליכטיקן פּנים,
און ענטפערט מיר; שלום דיר, שלום!

שלום דיר מענטש, נעם אָן מיין האַנט,
איך שטרעק זי דיר אויס אין יעדווידן לאַנד.
די וועלט איז ניט מער אַזוי ווייט, אַזוי ווייט,
עס שפּינט זיך אין קיילעך דער אורשפּרונג פון צייט;
עס גיסן צוזאַמען בערג זיך מיט טאָלן —
הימל און ערד גיבן זיך שלום!

צוויי מאַמעס

צוויי מאַמעס היטן די עופּהלעך קליינע,
צוויי מאַמעס — זיי היטן זיי פּעסט.
איינע היט דאָ דאָס עופּהלע שיינע
און אַ פויגל היט אָפּ איר נעסט.

ביים זון־אויפגאַנג פּאַטשן אין לופט אירע פליגל,
זי פליט באַלד צוריק מיט אַ שטרוי.
און גלייך שטייט די מאַמע וואַך ביי איר וויגל,
און טרינקט גליק פון אייגעלעך בלוי.

צוויי מאַמעס הינטער איין דאַך דאָ וואוינען,
אין וויגל אַ קינד, פייגל — אין נעסט.
פליט פויגל נאָך שפייז אַרום צו די רוימען,
האַלט מאַמע צום ברוסט איר קינד צוגעפּרעסט.

הינטער איין דאַך,ביידע דאָ הויזן;
אין גרין ליכטיקער רו איינגעשפּינט,
ביימער אין בענטשונג שטילער דאָ רוישן
צום נעסט און צום וויג פונעם קינד.

צווייגן און בלעטער שירמען די קרוינען
פאַרוואָרצלט מיט ערד און מיט פעלד,
זאָל מענטש און פויגל אין פרידן דאָ וואוינען,
זאָל שלום זיין אויף דער וועלט!

זאָל קיינער ניט וואַגן די נעסטן צעשטערן,
ניט טויט און ניט אומקום פון שניט.
אונטער ליכטיקער זון, אונטער גאָלד פון שטערן,
פון ליבשאַפט און טריישאַפט באַהיט.

האַיד-פּאַרק

ביים קבר פון פּרעזידענט פרענקלין דעלאַנאָ רוזוועלט

הינטער דיינע שאָטנס לאַכן קינדער,
פייגל זינגען, טויבן פליען.
פאַרלער חלומען דיין חלום,
פון ליכטיקן שלום:
דער האָדסאָן שמייכלט,
די זון שיפּט זיך אויף אַ גאָלדענעם שיפל,
די גרינע בערג — דיינע שכנים,
לייבלעכע זקנים.
און דו שלאָפסט מיט צעדער באַוואַכט,
אין מאַרמאָרנעם אייביקן שלאָף —
דער הויפּט קאָמענדאַנט,
נאָך אַ בלוטיקער שלאַכט.

ווי צו אַ טעמפּל,
ציען מענטשן פון אַלע לענדער,
כבוד דיר געבן,
נאָך דיין לעבן.
און דו ליגסט אין גרינעם בעט,
פון פרילינג גראָז,
הינטערן היימישן בלויען הימל,
וואו דו ביסט געוואָקסן מיט די בוימער,
דער ליכטיקער טרוימער,
און הערסט די טריט פון פעלקער שפּאַנען,
דורך ווייטע לענדער און דורך ימען,
און חלומסט דעם אייביקן חלום:
פעלקער פון אַלע לענדער —
היט אָפּ דעם שלום!

לאָז מיין פאָלק אַריין אַמעריקע!

לאָז מיין פאָלק אַריין, אַמעריקע!
זייערע בריקן פאַרברענטע,
זייערע היימען פאַרלענדטע,
זייערע נאָנטע פאַרגאַזטע,
פון בלוט-לאַנד פאַרהאַסטע,
מיט נומערן געקריצטע,
פון שונאים אומבאַשיצטע...

לאָז מיין פאָלק אַריין, אַמעריקע!
צווישן זיי — נייע פּראָפעטן:
„שעלים" „וויטמאַנס" יידישע פּאָעטן,
אַרכיטעקטן, פילאָזאָפן —
זייער ווילן ניט געבראָכן,
האַראָפּאַשנע פּראָסטע יידן,
אַ נייעם מאָרגן שמידן.

לאָז מיין פאָלק אַריין, אַמעריקע!
זע, מיין פאָלק עס שטייט געבויגן,
מיט תחית-המתים אין די אויגן...
אַלע וועגן פאַר זיי פאַרבאָטן,
פאַרצאַמט מיט גרעניצן און דראָטן.
קום, משה! צענעם די צאַמען!
פאַר מיין פאָלק צעשפּאַלט די ימען!

לאָז מיין פאָלק אַריין, אַמעריקע!
ביין פון מיין געביין — פון מיין פאָלק אַן אָדער,
צווישן זיי דאַרט וואָגלט אום מיין ברודער...
מיין ברודער נע-ונד, האָט ניט קיין מנוחה,
געבליבן לעבן איינער — פון אַ אוראַלטער משפּחה...
איינער פון מיין פאָלק — אַ וואָגלער אָן אַ היים,
אַמעריקע! מיין ברודער לאָז אַריין!

לאָז מיין פאָלק אריין, אַמעריקע!
זייער פלאַם אין דיינע אָרעמס צינדן,
זייער גבורה אין דיינע בריקן בינדן,
זייער מי אין דיינע פעלדער פלאַנצן,
אין ברודערשאַפט דיינע פרעירים קראַנצן,
מיין פאָלק פון גהינום ניי געבוירן,
אַמעריקע, עפן אויף די טויערן!

יתומים

פראַלט אויף אייערע טירן און טויערן,
גייט אַרום זיי אַנטקעגן מיט פרייד.
דאָס זיינען קינדער אויף קברים געבוירן,
יעדעם קינד פון שטורעם פאַרוויט.

זיי זיינען קינדער מיט קעפּלעך ווי זקנים,
וואָס קאָנען נית וויינען שוין מער . . .
גיט מאַמישע טרייסט יעדן איינעם,
עפנט אויף דעם קוואַל פון אַ טרער!

ווי זון אויף פאַרפרוירענע שליאַכן,
גיט זיי מאַמישע ליבשאַפט אַ סך.
זייערע שטימען זאָלן ווידער לאַכן,
הינטער אַ זיכערן היימישן דאַך.

וואַשט אוים זייערע קעפּלעך פון קויטן,
באַשוכט זיי מיט שיכעלעך ניי.
דער מלאך־המות פאַרזען זיי צו טויטן,
זיי זיינען קינדער געבוירן אויפסניי.

פאַרוואָגלטע קינדער פון גיהנום
זאַמלט איין, זאַמלט איין דעם שניט . . .
איר וועט אין פאַריתומטע אויגן דערקענען
פון אייער אייגענער שוועסטער — אַ גליד.

צאָלט זיי אָפּ מיט פרייד פאַר די פּיינען,
קינדער אָן מאַמעס — אַליין.
זיי זאָלן ווידער לאַכן און וויינען
ווי קינדער אין אַן אייגענער היים.

פאַרהיילט זיי די וואונדן און שניטן,
געביין פון אייער געביין.
פון זייערע טרויריקע קינדערשע ליפּן
וועט דער צער שוין מער קיינמאָל פאַרגיין . . .

ברודער, מיין ברודער

עס האָט היינט זיך אַ בשורה איבער מיין הימל פאַרצויגן
נאָך אַ פינצטערן שטורעם — אַ פאַרביקער רעגנבויגן.
אין דער בשורה אַ ניגון — פון אַ פאַרכשופטן פידל;
אַ רעגנבויגן לויכט אויף מיין וואַלדיקן שטיבל.
איך לויף איצט אין פרייד אין דער בוימערשער שורה,
איר טעלעפאָן דראָטן צעטראָגט איצט די בשורה!
אוי פויגל אין טשאַטעס צעוויגט אַ געֶרודער —
אויף איינער אַ שיף דאָרט שיפט זיך מיין ברודער,
זאָגט אָן אַט די פרייד, דורך גרינע אַלייען,
עס זאָל וועלט מיט מיין פרייד היינט זיך פרייען!
מיין ברודער ער שיפט זיך צו אַ ברעג צו אַ נייעם,
אויף אַ שיף מיט פליטים צו אַ לעבן אַ פרייען
מיט יאָרן פיין אויף זיין קאָפּ אָנגעלאָדן,
אין ימען פון בלוט זיין אויג אויסגעבאָדן.

אוי, ברודער מיין ברודער, אַ קינד דיך געלאָזן,
דו ברייינגסט מיר אַ גרוס פון מיין היים פאַרלאָזן.
דו ברייינגסט מיר דאָס אַש פון מיין טאַטן מיין מאַמען.
דאָס אַש און די ביינער פאַרברענטע אין פלאַמען,
אין דיר וויל איך זען וואָס איך האָב פאַרלאָרן,
אין דיין אָפּבילד די מאַמע וואָס האָט אונדז געבאָרן.
אין דיינע אָרעמס מיין טאַטנס יידישע גבורה,
אין דיין בליק מיין מאַמעס אויגן די קלאָרע.
גאָט, גיב מיר כוח, איך בין אַ קוואַל פון טרערן,
עס זאָל דער ביטערער גורל — די פרייד ניט צעשטערן.
זון, שיף זיך איצט מיט מיין ברודער צוזאַמען,
גיס אָן גאָלד אין די כוואַליעקע בעכערס אויף ימען.
די שיף די געגאַרטע איך זאָל זען ביי די ברעגן,
אַ שוועסטער זאָל לויפן, איר ברודער אַנטקעגן!

דאָס הויז פון שלום

אויף קענסינגטאָן עוועניו, דאָרט וואוינט אַ געזינט.
צווישן ענגע הייזער אָן צאָלן.
וואו עס מיאוקען די קעץ, און עס בילן די הינט,
דאָרט שטייט דאָס הויז פון שלום.

אַ הויז וואָס טראָגט די עלטער פון צייט,
פאַרוואקסן מיט קויל־שטויב די ציגל.
ביים שוועל דער שטויב ווי אַ פעלץ ליגט פאַרשפּרייט,
אָן אַש־קאָן שלאָפט אין אַ וויגל.

וואו די בלאָטע וואָס טריקנט קיינמאָל ניט אויס,
די פליגן זיי ווילן ניט שטאַרבן.
אויף קענסינגטאָן עוועניו שטייט דאָרט אַ הויז,
מיט דורות צעפּינגערטע קאַרבן.

דאָרט הענגט אַ לבנה אַזוי ווי פון בלעך,
און גלאַנצט אומהיימלעך אין שויבן.
די שטערן אין הימל ווי מעשענע קנעפּ,
פאַרנעפּלט פון גאַסיקע שטויבן.

קעץ מיאוקען דורך נעכט אויף יעדווידן ראָג,
און קענען קיין היים ניט געפינען.
וואו עס קרייען די הענער יעדן פאַרטאָג,
זאָגן אָן אַ נייעם באַגינען.

אַ בוים שטייט פאַרדאַרט, קיין בלאַט און קיין אויבסט,
ווי אַן אַלטער, געפאַלענער קיניג,
נאָר גייסטו אַריין אין ברודיקן הויז,
גייט אויף אין שטוב דער פרילינג.

פון מענטשלעכער מי, פון ערלעכע הענט,
הענט פון פּראַצע געשוואָלן.
אויף קענסינגטאָן עוועניו, צווישן קויטיקע ווענט,
דאָרט וואוינט אין שטוב דער שלום...

פון קינדערשער פרייד, פון אַ נייעם באַגין,
אויף קאַנאַדער ערד ווי אַ חלום.
געבענטשט אין רו דאָס פּליטים־געזינט
אין אָרעמען הויז פון שלום.

דאָס שלום עליכם הויז

אָט איז דאָס הויז וואָס מיר האָבן געבויט,
יאָרן און טעג דאָ ליגן פאַרטרויט.

אַ הויז איז געמאַכט פון ציגל און ליים,
מיר האָבן געחלומט אַ יידישע היים.

נאָך שלום עליכמס ליכטיקן גייסט,
מיט חלום די לופט און די ערד געשפייזט.

אָט איז דאָס הויז מיט קוואַדראַטן צעשטעלט,
מיט לייטערס און פענצטער צו דער ליכטיקער וועלט.

מיט קינדערשע קולות געלעכטער, געוויין,
ווי פרייד און טרויער זיך מישן ווי וויין.

ביינאַכט אינם טייך, אין שטערן געוועב,
לבנות זיך וויגן אויף כוואַליקע טרעפּ.

ווערט פלוצלונג דאָס הויז אַ פאַנטאַסטישע שיף,
לבנהקע טעלער זיך ברעכן אין טיף.

שטייט אויף די זון פון נאַכטיקן בעט —
צעלאָזט זי אין טייך די גאָלדענע צעפּ.

זונען אין שויבן אין פלאַמיקן בלענד,
וואַשן מיט גאָלד דעם שטויב פון די ווענט.

און טויבן זיי פליען אין בלויקייט פון רוים,
דאָס איז דאָס הויז וואו איך לעב, וואו איך וואוין.

אַ הויז איז געבויט פון פענצטער און ווענט,
נאָר שכנים זיך אָפט ווי שונאים פאַרפרעמדט.

די צייט האָט אונדז אָפט מיט גזרות פאַרפלוכט,
ווי קינדער געקריגט זיך דעם אמת געזוכט.

געפּאַקט און געמאָזלט, אַ גילגול פון צייט,
נאָר אייניק געווען אין קאַמף און אין שטרייט.

אַ סך איז פאַרלאָפן דורך די צוואַנציק יאָר,
מיר האָבן געבוירן אַ ליכטיקן דור.

אין קעלער פון הויז נאָנט צו דער ערד,
דאָס יידיש לשון געוואָרן דערהערט.

דאָס איז דאָס הויז וואָס מיר האָבן געבויט,
אַסך פון די נאָנטע זיינען שוין טויט.

אַ סך פון די זין געקעמפט אינעם קריג,
פאַר דער גאַנצקייט פון וועלט, פאַרן יידישן זיג.

איך בעט פאַר דער גאַנצקייט פון יעטוועדן מענטש,
אונדזער הויז זאָל זיין אין פרידן געבענטשט.

אונדזער הויז איז אַ טייל פון ליכטיקן לאַנד,
שכנים זאָלן הויזן אין פרידן באַנאַנד.

מיט פעדים פון יאָרן דאָ בין איך פאַרקניפּט,
דאָ זינג איך, דאָ וויין איך, אין שטילקייט מיין ליד.

אין אָנדענק פון אייזיק ראַבאָי

ס'איז ווידער געבוירן דער פרילינג,
די זון איז גאָלדיק אַרוים.
אַזוי ווי אַ לייבלעכער צווילינג,
איך זע דיך מיט שרהן, ביים הויז.

אַט ערשט ביסטו דאָ געוועזן,
דיין פּנים ווי ברויט פאַרברוינט.
צעהעלט ביים געבורט פון אַ גרעזל,
דאָס גרעזל לעבט איבער דעם טויט.

איך געדענק דאָס גאָלד אויף די וועגן,
דער טייך מיט דימענט ער בלענדט.
איך קום מיט מיין טאָכטער אַנטקעגן,
און טראָג זי דיר צו אויף די הענט.

דיינע ציינער צוויי ווייסע געפּרייען,
אין לייצעס מיין טאָכטער געשפּאַנט.
דו נעמסט מיט דיין שטעקן פאַרזייען
איר בלומען און בלעטער אין זאַמד.

דיין ליולקע נעמט גליען מיט פונקען,
די זון לאַכט אַרוים פון דיין בליק.
דער פּאַרק מיט פויגל צעזונגען,
די וועלט איז געוואָרן אַ וויג.

ווי קאָן איך היינט דיך פאַרגעסן?
האָסט מיט אונדז דיין חלום געטרוימט.
אַט ביסטו אין פּאַרק דאָ געזעסן,
אַט האָסטו מיט אונדז דאָ געוואוינט.

אַט גייט אויף דער פרילינג אין צווייגן,
פון זון איז באַגילדעט די באַנק.
זיי אַלע דערציילן אין שווייגן —
האָסט מיט אונדז באַהעפט דיין געזאַנג.

ביסט געווען פון פאָלק דאָס געוויסן,
וועסט זיין אייביק ווי זון און ווי טוי.
ס'האָט טויט דיך פון אונדז אָפּגעריסן,
מיר געדענקען דיך אייזיק ראַבאָי.

עמוסל גולדמאַן

עמוסל קליינער, אַזוי יונג פאַרשניטן —
עס קלאָרט דער ווינטער אוים דיין נאָמען.
ווען איך זע אַ קינד וואָס פירט אַ שליטן,
זע איך דיך פון שול היינט קומען.

אין יעדן קינד וואָס לויפט אַנטקעגן,
זוך איך דיינע אויגן — קאַרשן בליטן.
איך זע דיין טאַטע שטייט און היט די וועגן,
עס זאָל קיין קינד ניט ווערן מער פאַרשניטן.

עמוסל קליינער אויף אַ בערגל שטומען,
צווישן סאָסנע ביימער און ציפּרעסן.
אינעם ווינטער קלאָרן וועב איך איין דיין נאָמען;
איך וועל דיך קיינמאָל, קיינמאָל ניט פאַרגעסן.

דער טאָג פון שלום

אין לופט עס טראָגט זיך היינט אַ ניגון
און וועקט די קינדער פון די וויגן:
קומט אַרויס היינט צו דער זון!
די פרייד זי וויגט זיך ווי אויף פליגל,
דער הימל לויכט — אַ בלויער שפּיגל,
דער טאָג פון שלום קומט אָן.

כלות צירט זיך היינט אין צירונג
פלעכט די צעפּ אין גרינעם פרילינג
דער שלום טאָג קומט אָן.
וואַשט אויס די אויגן פון די טרערן,
די חתנים אַהיים זיך קערן,
דער טאָג פון שלום קומט אָן.

הערט איר פרויען, שענסטע טעכטער,
דער טאָג קומט אָן, דער טאָג גערעכטער,
אין בונדסטע קליידער צירט זיך אָן,
ווי די מרימס מיט די פּויקן,
גייט אַנטקעגן מיט פרייד אין אויגן,
דער טאָג פון שלום קומט אָן.

גרויס איז היינט דער טאָג פון יובל,
נאָר מיין פאָלק אַ שווערער אָבל,
קדושים — זעקס מיליאָן
בלוט פון זעקס מיליאָנען יידן
האָבן אויסגעשמידט דעם פרידן,
אין בלוט פון יעדנס פאָן.

אונדזער שטאָט ער וועט זיך מערן,
העלדן נייע איר וועט געבערן.
טעכטער, שליסט זיך אָן.
מיט די פעלקער, מיט די פרייע,
פאַר אַ וועלט, פאַר אַ נייער,
דער טאָג פון שלום קומט אָן.

שווערדן

צוויי שווערדען קאַלט פון בלאַנקן שטאָל,
מיט „האַקנקרייצן“ אָן אַ צאָל,
דו יונגער העלד האָסט זיי געבראַכט
אַהיים אין שטוב פון ווייטער שלאַכט.
זיי אויפגעהאַנגען אויף דער וואַנט,
צוויי שלאַנגען שווערדן זאַלבאַנאַנד.

קוק איך אויף די שווערדן צוויי
גיט אויף מיר מיט גאַל אַ שפּיי.
גיט דער שפּיז אין לופט אַ בליץ
דער „האַקנקרייץ“ אויף שווערדן שפּיץ.
ער קריכט ווי שלאַנגען אין געפּעכט —
איך זע דעם שעכטער ווי ער שעכט...

איך זע די שווערד אין פייער פלאַם
זי האַקט די צווייגן פון מיין שטאַם.
די „סוואַסטיקא“ אין שטאָל פאַרקריצט,
וואָס האָט מיט יידיש בלוט געבליצט.
און אפשר האָט די שווערד געטאַנצט,
אויף מיין ברודערס דינעם האַלז?

דו יונגער העלד אין טאָג פון זיג —
דערציילט אין שווייגן אַלץ דיין בליק.
האָסט פון טויט זיך אומגעקערט,
און בלייבסט דער זיגער איבער שווערד —
די שווערד זאָל ראָסטן אין דער שייד,
און טעמפּן אין דער אייביקייט...

עס וועט זיין אַ וועלט

עס וועט זיין אַ וועלט, מיין קינד, פון לויטער וואונדער,
עס וועט זיין אַ וועלט, אַ ליכטיקער יאָרהונדערט.

די אַלטע וועלט וועט זי פאַרשוואונדן ווערן,
די ערד וועט זיין פאַרזייט מיט לויטער שטערן.

עס וועט זיין אַ וועלט פון קלאַנגען און אָטאָמען,
עס וועט זיין אַ וועלט צעבליצטע דורך מיליאָנען.

עס וועט זיין אַ וועלט — עס נעמט מיך אָן אַ ציטער:
גאָט אַליין וועט אַראָפּגיין צו דער נידער.

אויף אַ שטערנדל ברענגען דעם גן־עדן,
עס וועט זיין אַ וועלט פון ליבשאַפט און פון פריידן.

פון ערד וועט ווערן הימל — פון הימל טייכן,
דורך איין פונק די אייביגקייט דערגרייכן.

אור־מענטש וועט מיט סוף־מענטש זיך דערקאָנען,
זאָל דער נייער מענטש אויך מיך דערמאָנען.

עס גייט אויף די וועלט, איך זע שוין דעם באַגינען,
די וועלט גייט אויף אַף חורבות פון רואינען.

עס וועט זיין אַ וועלט — גאָט, שענק מיר נאָר דאָס לעבן,
דער נייער וועלט, דעם נייעם מענטשן שלום געבן.

גבריאל דער פויערשער זון

(פּאָעמע)

א.

אַ שטיבל ביים וואַלד, בוימער אין רייען,
פאַרצווייגטע בעריאָזעס באַדעקטע מיט שנייען.

אַ קוימען אַ שוואַרצער צום הימל פאַריסן,
גאָלדענע פונקען ווי ניסלעך שיסן.

אַ בינטעלע שטרוי אויף ערד אַ געלעגער,
שלאָפט גבריאל מיט זיין פאָטער דעם יעגער.

ווען די זון גייט אויף אַף גאָלדענע זיילן,
גייט אַרוים דער יעגער מיט ביקסן און פיילן.

ער שפּאַנט איבער טיף אויסגעבעטע שנייען,
פרימאָרגן רופט די הענער קרייען.

פאַרוים לויפן הינט מיט הינטישן בילן,
באַשמעקן די טריט דעם הונגער צו שטילן.

שוואַרצע פייגל פון בוימער צעפלויגן,
מיט נאַכט אין די פליגל, בלוט אין די אויגן.

דער וואַלד הילכט מיט ביקסן געשרייען.
צייכנס צעזייט; בלוט אויף די שנייען.

פוקסן שוועבן מיט גאָלדענע פעלן,
שנירלען אויף שנייען בלוטיקע קרעלן.

מיט ציינער צעשטשירעט, צעפלאַמטע צונגען,
האָבן זיך הינטישע העלדזער צעקלונגען.

עס שפּרינגען די הינט, האַווקען און בילן,
דער וואַלד ענטפערט דורך וואַלדיקן ברילן...

ב.

גבריאל האָט ליב אין היילן צו וואוינען,
טראָגט אַ שעפּסענעם פעלץ אַ ברוינעם.

טראָגט לאַפּטיעס פון ציגענע לעדער,
אַ פויגלשן היטל מיט אַ שטרויסענער פעדער.

צוויי הענט מיט גבורה — צוויי שטאָלענע שלעגער,
ער איז שוין כמעט ווי זיין פאָטער אַ יעגער.

ער האָט ניט קיין מורא פאַר וועלף און בערן,
און פייפט מיט אַ פייפל אַנטקעגן די שטערן.

און טאַנצט ווי אַ מאַלפּע פון צווייגן אויף צווייגן,
און טראָגט פון וואַלד די חכמה פון שווייגן.

* * *

טיף אינעם טאָל ווי ווילדע שוואָמען,
וואַקסן שטיבלעך אָרוים פון די תהומען.

שרייבן אים בריוו פון קוימענס די רויכן,
ער לייענט די שריפטן אין בלויע הויכן...

קאָרטשן זיך שריפטן ווי טונקעלע שלאַנגען,
אין ריזיקע היילן פון כמאַרעס געפאַנגען.

טיף אינעם טאָל וויגן גאָלדענע זאַנגען,
זינגען פויערשע מיידלעך שניטער-געזאַנגען.

רייען נאָך רייען מיט סערפּן צעפליגלט,
בלויע הימלען אין אויגן געשפּיגלט.

פאַרגייט דער טאָג אין ליכטיקע פלאַמען,
צעפידלט דער וואַלד געזאַנג פון די שטאַמען.

מיט שיכורן זאַפט די ביימער זיך וויגן,
באַלאַדענעם זומער די ביימער צעוויגן...

גבריאל מיט זומפּיקע גרינע צוויי אויגן,
טרינקט אין זיך איין געזאַנג פון די מוידן...

ג.

א חתונה אין דאָרף. זיינען קלעזמער געקומען,
און מוידן מיט פרישע בוקעטן מיט בלומען.

פערד און וועגן באַהאַנגען מיט קראַנצן,
קאַדרילן די רעדער טאַנצן און טאַנצן.

דער וואַלד נעמט רוישן מיט פרישן געלעכטער,
עס טאַנצן געשלאָסענע דאָרפישע טעכטער.

אויפן פייפל גבריאל נעמט פייפן און פייפן,
עס טאַנצן די מוידן מיט בענדער און שלייפן.

פאַרלעך געשלאָסן נעמען זיך דרייען,
זוניקע פּים — און פנימער קלאַיען.

אין טאַנץ ווערט טאָל ווי באַרג אויפגעהויבן,
צוריק געשליידערט, צעברעקלט אין שטויבן.

די קליידער ווי רעדער ווינטלען און ווינטלען,
ווי פאַוועס צעפעכערט שווינדלען און שווינדלען.

עס טאַנצן די פעלדער, עס שווינדלט דער הימל,
עס טאַנצן די פאַרלעך ווילדער אין ווימל.

עס פאַרט אַן אַ פויער מיט וואַנצעס פאַרדרייטע,
און כאַפּט צו די כלה אין אָרעמס צעשפּרייטע.

אויף אַ פערד אַ ווייסן פליט מיט זיין כלה,
עס טופן די שטיוול, עס פליעסקען צו אַלע.

ד.

עס בייטן זיך טעג אין ווייסן געוואַנט,
טעג וואָס שטייען אין גאָלד צעפלאַמט.

טעג וואָס קלינגען מיט פייגל געזאַנג,
לויטערע טעג ווי גלעקער געקלאַנג.

הירשן צעצווייגט אין גאָלדענע טעג,
טראָגן די פרייד פון וואַלד אַוועק.

גבריאל וואַקסט אוים געזונט און גרוים,
און חלומט אין דער ווייטער וועלט אַרוים.

ער חלומט צו זיין אַ קאַפּיטאַן,
פירן אַ שיף אויף אַ שטורמישן ים.

דער פאָטער גיט אים שטיוול אַ פּאָר,
אַ שאָפּענעם פּעלץ מיט געקרייזלטע האָר.

אַ מעסערל מיט שלענגלעך פון עלפאַנט ביין,
און בענטשט אים ער זאָל געזונטערהייט גיין.

ה.

מיטן איינזאַמען שליאַך גייט דער פאָטער צוריק,
ער שפּרייזט געבויגן מיט פייכטן בליק.

ער דערמאָנט זיך מיט יאָרן צוריק,
אַ שוואַרצע טרונע וואָס פירט צו דער בריק.

אין דרויסן וואָיעט אַ שטורעם שניי,
די מאַמע זי שרייט איר לעצט געשריי.

די שטוב באַוואָלקנט מיט רויך און טשאַד,
אויף אַ סנאָפּ שטרוי ליגט זיין ווייב געל ווי אַ בלאַט.

לעבן איר ווייבער מיט וואַקסענע ליכט,
מיט ווייבערשע שפּרוכן איבערן געלן געזיכט.

אַ גלח קניט לעבן בינטל שטרוי,
און פּרעפּלט פּסוקים צו ליפּן בלוי.

ווען זיין זון האָט געשריגן זיין ערשט געשריי,
איז זיין ווייב געלעגן טויט ווי בליי.

פרעמדע ווייבער האָבן דאָס קינד באַוואַכט,
מיט זייער מילך אים זאַט געמאַכט.

און ער זעט זיין ווייב ליגן אויף דר׳ערד,
ווי ער וואָלט איצט אירע געשרייען געהערט.

ווי אַ בוים אַ געשלאָגענער זיין פּנים אַלט,
מיט דער ליולקע געבויגן ער שפּאַנט אין וואַלד.

ער זעט דעם צווינטער מיטן קאַלטן שטיין,
אַ ציג זיך פּאַשעט איין אַליין...

ז.

שווימט אַ שיף צו נייע ברעגן,
און דער ווינט ער פייפט אַנטקעגן.

שלאָגט אַ רויך ווי שוואַרצער בוימל,
קוימענס שפּייען אין די רוימען.

אויף די לייטערס הענגען יונגען,
עס פלאַמט דער ים מיט פייער־צונגען.

שוואַרץ די גומי־מאַנטלען גליען,
וואַסער־קישקעס אַרויף זיך ציען.

מען ציט די שטריק אויף אַלע ברעגן,
עס וואַשט די נאַכט די שיף מיט רעגן.

כוואַליעס ווי די וואַסער־לייבן,
ווילן זיך אין שיף פאַרקלייבן.

און דער דונער שרייט אַריבער,
גראָבט אין ים וואַסער־גריבער.

און דער בליץ: אַ זעג מיט פלאַמען,
ברענט אין הימל פייער־שראַמען.

שווימט אַ שיף צו ווייטע ברעגן,
שטורעם שפילט מיט ווינט און רעגן.

ז.

אויף דער שיף עס שטייט גבריאל,
מיטן פּנים צו די ווייטן.
כוואַליעס — אָקסן אין געבריל,
איינער אויפן צווייטן רייטן.

אויבן אויפן פלאַך פון דעק,
געזונטע יונגען ליגן.
די שיף זעגט און זעגט,
דעם ים אין ווילדן וויגן.

אויפן מאַסט עס שטייט גבריאל,
און זעט אַ ווייטן צייכן.
אָט זעט ער שוין זיין ציל,
דורכן גלאָז דערגרייכן.

טורעמס שפּיצן בליצן אויף,
ווערן באַלד פאַרשוואונדן.
ווייטע קוימענס טורמען אויף,
מיט שטיקער זון צעצונדן.

אַ מיידל מיט אַ פאַקל ליכט,
שווימט דער שיף אַנטקעגן.
איר ווייסער מאַרמאָר געזיכט,
פון זון און שניי און רעגן.

איר גוף געהאַקט פון שטיין,
ווערט פון ים געבאָדן.
„קומט, וואַנדערער, אָ, קומט צו גיין,
מיין לאַנד מיט פרייד באַלאָדן...״

אַ, וואַנדערער, זייט געשיצט,
ביי מיינע פרייע ברעגן.
ווערטער אויף איר האַרץ געקריצט,
דער פאַקל לויכט אַנטקעגן.

ח.

וואָס האָט גבריאל מיט זיך געבראַכט?
אַ קאָפּ מיט שוואַרצע האָר ווי נאַכט.

אַ גוף געבויט פון שטאָל,
לויטער ווי אַ גלאָק זיין קול.

פויסטן צוויי געזונט און שטאַרק,
רייסן שטיינער פעלדז און באַרג.

און אויגן קינדערשע אַ פּאָר,
דער ווינט זיך קרייזלט אין זיינע האָר.

ער שפּאַנט אַריין אין האַרץ פון שטאָט,
מיט זעכצן יאָר אין זיין טראָט.

ער זעט אַ סקעפּאָלד אין געבוי,
מענטשן הענגען אין לופט ווי שטרוי.

גייט ער צו און פרעגט וואָס איז?
ענטפערט מען, עס וואַקסט אַ ריז.

אויף דער גאַס ווי אַ יאַריד,
מען לויפט, מען יאָגט, עס פּויקן טריט.

וואָס לויפן זיי — ניטאָ קיין צייט?
עס הילכן האַמערס אין דער ווייט.

קומט צו אַ מענטש, לייגט צו אַן אויער,
לאַכט מען, לאַכט מען פונעם פּויער.

הויבט אויף גבריאל זיין פויסטן האַנט,
צו שטייער פאַרן נייעם לאַנד.

ט.

אין שענק, אין אַ טונקעלן קעלער,
קלינגען לעפל, קלינגען טעלער.

רויטע נעפּלען שווימען, שווימען,
און דער דזשעז פאַרגייט פון זינען.

מאַטראָזן יונגע, שיכורע זעלנער,
וואַרפן קליינגעלט צו די קעלנער.

פאַר אַ זילבער שטיק אינגאַנצן,
מיט דער שענסטער מויד צו טאַנצן.

אין געפלעכט מיט אַ סיגאַרעט,
טאַנצט די בלאָנדע מאַרגאַרעט.

און זי שמעקט מיט זון און פעלד,
גבריאל איז היינט איר העלד...

אירע צעפּ — זאַנגען גאָלד,
אירע ליפּן, מאַרעל באַמאָלט.

אים ציט צו איר ווי צו דער ערד,
שאַרף איר בליק ווי פון אַ שווערד.

די וואָלגאַ אין זיין בלוט צעשוימט,
זיין פנים שוואַרץ פון זון פאַרברוינט.

דער קעלער אין אַ שווינדל טאַנץ,
עס טאַנצן פלאַשן אין בלויען גלאַנץ.

ער גיט אַ לאַך מיט ווייסע ציין,
און טרינקט איר מויל — אַ בעכער וויין.

ווי עס זינקט אין ים אַ שטורעם שיף,
ער זינקט מיט איר אין טיף, אין טיף...

י.

גבריאל וואַכט אויף פון ערשטן רעש,
פוסט געבליבן איז זיין טאַש.

לעבן אים אויף קאַלטן דיל,
ווי מידע שאָף — מאַטראָסן שטיל.

עס וואַרגט אַ ביטערניש אין האַלדז,
עס שמעקט מיט רויך און ביטערזאַלץ.

גבריאל — ער פלוכט און שעלט,
די זונה האָט געמיינט זיין געלט.

זי האָט געשמעקט מיט בעז און זאַנג,
ביי איר אין האַרץ עס שלאָפט אַ שלאַנג.

ער הויבט זיך אויף און שפּאַנט,
אַרום אים אַ פּוס, אַ שוך, אַ האַנט.

אויף זיין פּנים ברענט די שאַנד,
אָפּגענאַרט אין פרייען לאַנד.

ער וויל צוריקגיין צו דער מויד,
זי אַ ברעך טאָן ווי אַ לאַבן ברויט.

נאָר די פיס ווי שווערער בליי,
ער גיט אַהין דריי מאָל אַ שפּיי.

דער ים מיט בלויער ווייטקייט רופט,
מיט פרילינג שפּריי עס שמעקט די לופט.

* * *

גבריאל איז זאַט מיט פרעמדע פאַרטן,
פאַרשפּילט די יאָרן ווי אין קאָרטן.

אַ יאָר איז אַוועק, אַ יאָר איז געקומען,
אַ וועלט אין מענטשלעך בלוט איז געשוואומען.

זיינע אויגן טונקלען ווי בלינדע טומאַנען,
ער זעט זיין היים דורך ווייטע ימען.

דאָס לאַנד וואו גבריאל איז געבאָרן,
בליט ווידער מיט פעלדער זאַנגען און קאָרן.

עס שווימט די שיף מעת-לעת׳ן זיך בייטן,
ער זעט זיין לאַנד, צו ליכטיקע צייטן.

ער זינגט צו דער נאַכט מיט אַזאַ יללה,
ציט אוים זיין האַנט צום סערף פון לבנה.

דער ים באָדט זיך אין גאָלדענע שטערן,
צו וועמען זאָל איצט זיין לעבן געהערן?

אַ בוים קאָן פילן פון זונען די שטראַלן,
אַ באַרג קאָן שלאָגן מיט פריש נייע קוואַלן.

און ער האָט געוואָגלט דורך שטורעם פון ימען,
אַ מענטש אָן אַ לאַנד — אַ קינד אָן אַ מאַמען.

יא.

אָט זע די שטאָט מיט גאָלד און בריליאַנט,
מיט גאָלדענע פייערן שטייט זי צעפלאַמט.

געשפּיגלט אין האָדסאָן, געטורעמט די שפּיצן,
פאַרכישופט אין כוואַליעס — אַפּישן בליצן.

יונגען געזונטע דאָרף מען דאָ האָבן,
צו אַקערן ערד, צו בויען און גראָבן.

צו צאַמען טייכן, צו בויען וועגן,
פּאָר אַ מענטשהייט צו אַ פרייען לעבן.

ווער האָט געקניפּט די גאָלדענע ליכטער ?
ער זעט אין דער נאַכט די אַלע געזיכטער.

די בריקן ווי האַרפּן אין פייערן צעשפּילטע,
די קוימענס צום הימל מיט רויכן צעברילטע.

ווי אַ גאָלדענע קייט וואָס רייסט זיך ניט איבער,
מאַשינען זיך יאָגן אין גאָלדענעם פיבער.

ווער קאָן אויסציילן דאָס ריזיק פאַרמעגן ?
עס שווינדלען מאַשינען פון ברעגן צו ברעגן.

גבריאל פאַרטראַכט אַזוי ווי אין חלום,
מיט ליכט און פייער — די נאַכט איז באַמאָלן.

די שטאָט ווי אַ גאָרטן — מיט גאָלדענע זונען.
דער מאַרך פון פעלקער, אין ליכט איינגעשפּונען.

דורך אַרבעט אַ מענטשהייט פון פעלקער פאַרשידן,
שוואַרצע און ווייסע, — נעגער און יידן.

גבריאל דער פויער, מיט בליקן וואָס קלאָרן,
איז פּלוצלונג מיט רייפקייט דאָ ווידער געבאָרן.

.ג

לאָז אָפּ מײַנע הענט

לאָז אָפּ מײַנע הענט, בינדט אָפּ מײַנע קייטן,
הויב מיך אויף מיט פליגל צו די אייביקייטן.

הויב מיך אויף אין דײַן זעאונג, דערגאַנץ מיך,
ווי זריעה מיט רעגן און ברכה פאַרפלאַנץ מיך.

מיט דײַן ערד איך בין פאַרוואָרצלט דורך יאָרן,
דײַן בראָך האָט צעבראָכן מײַן הימל קלאָרן.

דורך דורות פון אומקום, זע, איך גרין ווידער,
אַזוי ווי אַ קראַנקער געגעזן דורך פיבער.

קינדער פון ישראל

צו דער פּראָקלאַמירונג
פון אַ יידישער מלוכה.

קינדער פון ישראל אין יעדווידער לאַנד,
איך שטרעק אייך אויס אַ וואַרעמע האַנט.

קינדער פון צער, און קינדער פון נויט,
וואו אייער טראָט האָט לעבן געבויט.

אין קבוצות, אויף זאַמדן, ביים זייען און שניט,
מיט אייך האָט מיין חלום צוזאַמען געבליט...

קינדער פון ציון, און ביראָ־בידזשאַן,
אין שטורעם געפּרופטע, עס בליט אונדזער שטאַם.

קינדער פון ישראל אויף אוראַלטער ערד,
וואָס שמידן אין אַקער דעם שאַרף פונעם שווערד.

וואָס שמידן דעם חלום פון צוויי טויזנט יאָר,
און איך האָב דערלעבט דעם ליכטיקן דור.

קינדער פון בונקערס, ניצול פון טויט,
אין בענטשונג פון אַרבעט, אין ברכה פון ברויט.

איר טראָגט נאָך אויף לייבער פון גזרות די וואונד,
קינדער פון פרידן אין פעלקערשן בונד.

וואָס האָבן באַפרוכפּערט מיט בליאונג דאָס זאַמד;
מיר זיינען אַ פאָלק! און מיר האָבן אַ לאַנד!

ווי מרים מיט פּויקן איך וויל היינט אַרויס,
און טאַנצן דעם טאַנץ פון ישראלס הויז.

דער גורל פון אַ פּאָלק

עס האָט אַמאָל געלעבט אַ בירגער רעוויר,
און ער האָט געוואָרנט פון טיר צו טיר.
און ער האָט געזאָטלט אַ פלאַמענדיק פערד,
געוועקט זיינע שכנים קעגן שונאס שווערד...
און ער איז געפלויגן מיט אַ וואָרענונג פאָן:
דער גורל פון פאָלק שטייט אין קאָן!

פּאָול רעוויר — אַ שמידער פון גאָלד,
אַ זון פון אַמעריקע, אַ זון פון פאָלק.
ער האָט געזען דעם אָנקום פון שלאַכט —
דער גורל פון פאָלק האָט געריטן דורך נאַכט...
אין געהער — דער געטראַמפּל פון בליי און שטאָל,
דער בריטישער חייל מיט טויט זעגלט אָן...

דורך נאַכט איז געפלויגן פּאָול רעוויר,
געוועקט יעדן פאַרם, געוואָרנט יעדע טיר,
די שעה פון אומגליק קומט אָן, קומט אָן!
איידער עס גייט אויף אויפן הימל די זון...
פּאָול רעוויר האָט געוואָרנט אין צייט:
שטייט אויף פון שלאָף, צום קאַמף זייט גרייט!

מיין פאָלק עס קעמפט מיט לייזיקע הענט.
ישראלס שונאים מיט האַס פאַרבלענדט.
אין דער שעה פון גורל, מיט פלאַם גורט זיך אָן,
דאָס פאָלק און דאָס לאַנד שטייט אין קאָן...
וועקט אויף אייער שכן פון טיר צו טיר,
זאָל יעדער הייגט ווערן אַ פּאָול רעוויר.

מיט גבורה און גלויבן, מיין פאָלק איז געשטאָלט,
מיט זעקס מיליאָן קדושים מיין פאָלק האָט באַצאָלט,
לאָזט זיי ניט פאַלן מיט לייזיקע הענט —
פאַרטיידיקט דאָס לעבן, גורט אָן זייערע לענד!
דער חלום פון פאָלק דורך טויזנטער יאָר,
דער גורל פון פאָלק הענגט אויף אַ האָר!

מיין פאָלק אין קאַמף מיט שונאים פון שטאָם,
אין בלוט זייערס גליט מאַקאַבייער-פלאַם!
דאָס וואָרנט דורך זיי עמוס און שמואל:
דורך עמק-יזראעל, דורך נגב און טאָל,
הויבט אויף אין קאַמף די יידישע פאָן,
דאָס פאָלק ישראל שטייט אין קאָן!

דער טאָג פון געבאָט

זונטיק, מאי 16, 1948

קומט אַרויס איר טעכטער מיט די צימבלען!
קומט אַרויס איר זין אין קאַראַהאָד!
שפּילט אויף אַ געזאַנג צו די הימלען,
עס איז היינט דער טאָג פון געבאָט!

דער טאָג פון קיום איז ווידער געבוירן,
אין דורות-גאַנג, דורך בלוט און פייער,
דאָס געבאָט: פון לעבן און פון דויערן,
פון אַ היימלאַנד, פון אַ וועלט אַ נייער...

עס גיסט דער הימל מיט פולע צעבער,
אַנגעזאַמלט איז דער מבול מיט געוויין;
אויף די גאַסן שטראַלט היינט יעדער,
עס שאַלט די פרייד אין געביין!

אַלטע יידן וויינען, זאָגן תהילים,
שמחת-תורה איז אויף גאַסן היינט.
מ'לייענט די צוויי-טויזנט יאָריקע מגילה,
אין יעדנס פּנים אַ פאָלק צעשיינט.

וויפיל זין און טעכטער היינט נאָך שטאַרבן,
פאַרן קיום פון ישראלם היים?
טעכטער פון ישראל! שפּילט אויף די האַרפן,
ווייל אונדזער פאָלק וועט קיינמאָל אונטערגיין!

ביזן פולן ראַנד דער טרערן-לאָגל!
מיר טרינקען ביטערניש מיט פרייד;
אין אונדזער דורותדיקן וואַנדער-וואָגל,
אין יום-טוב שפּילט די טרויער פלייט...

זאָל פון הימל רעגענען מיט קוואַלן,
הענט אויף אַקסל אין קאַראַהאָד.
הינטער וואָלקנס וואַרטן סנאָפּעס-שטראַלן —
עס איז דער טאָג פון געבאָט!

אַ גלאָק האָט געקלונגען

אויף בראָדוועיער גאַסן אין גרויסן ניו־יאָרק,
מיט אויטאָס און רעש מיט פאָנען געפילדער.
מיט קלייטן און שילדן, מיט פנימער־זאָרג,
מיט מענטשן וואָס איילן אין טומל מיט קינדער.

מיט שנייאיקע ווינטן, מיט קנוילן פאַפיר,
מיט מענטשלעכע מאַסן וואָס לויפן באַזונדער.
מיט שניי־פּוך געקרויזלט אין ווייסן געפריר,
אויף בראָדוועיער גאַסן געשען איז אַ וואונדער.

און ווער צו זיין מי, געיאָגט אין זיין גאַנג,
איז שטייף געבליבן מיט פארוואונדערטער מינע.
אַ גלאָק האָט געקלונגען מיט לויטערן קלאַנג,
אין גלאָקן־געקלאַנג: די יידישע הימנע.

די יידישע הימנע אין פראָסטיקן טאָג,
אויף מיילן און וויטן האָט זיך צעקלונגען,
און מענטשן אויף עוועניוס פון יעדוועדן ראָג,
מיט פריידיקן גלויבן זיך האָבן צעזונגען.

שניי ווייסע טויבן געשוועבט דאָרט אָרום,
פון גלאָקן געקלאַנג זיך העכער געהויבן.
פון הימלען אָרוים איז אַ גאָלדענע זון,
און אָנגעטרונקען די מענטשן מיט גלויבן.

סירענעס האָבן פון וויטן געברומט,
מענטשן צום הימל מיט געהויבענע אויגן.
די יידישע הימנע דורך גזרות פארשטומט,
איז אויפגעגאַנגען ווי אַ רעגנבויגן.

אויף עוועניוס, אויף גאַסן האָט יעדער געהערט,
דער גלאָק האָט מיט זון געוועקט אַלע שויבן;
זאָל די הימנע קיינמאָל ווערן צעשטערט,
מיין פאָלק מיט פעלקער גלייך היינט דערהויבן...

געזאַנג צו די בינען

שטיל איז דער טאָל,
די בערג-פּיראַמידן.
עס האָרנט אַ קול,
די וועכטער זיי היטן.

דער הימל דערוואַכט,
אַ רויטער באַגינען.
אוועק איז די נאַכט,
עס רוישן די בינען.

אין ווייסע קוואַדראַטן,
דעם האָניק זיי טריפן.
זוניקע, זאַטע,
די בינען זיי שטיפן.

אויף הימל צעהעלטן,
ווי אַ גליאיקער בעקן,
זוניקע וועלטן,
פון חלום זיך וועקן.

די זין און די טעכטער,
פאַרברוינטע ווי ברויטן.
עס היטן די וועכטער,
די וועגן און פלויטן.

עס רוישן די לאַנען,
מיט מאָן-קעפּלעך רויטע.
עס וואַכט די הגנה,
מיט ביקסן פאַרטרויטע.

פלוצלונג צעקנאַלט זיך,
מיט פלאַקער דער שייער.
מיט פלאַמען צעשטראַלט זיך,
אַ פלאַקערדיק פייער.

דער שונא מיט רייטער,
מיט פאַקלען צעשוואונגען,
יעדער בוים — אַ שייטער,
פון שונא געצונדן.

איין שפּרונג אין אַ שורה,
אין קאַמף אין גערעכטן.
מיט העלדישער גבורה,
די זין און די טעכטער.

עס רויכן די קנוילן,
מיט פונקען זיי בליצן.
עס ברענען די קרוינען,
אויף גרין־ביימער שפּיצן.

די העלדן, די שומרים,
מיט לעשערס זיך קלאַמען.
עס מבול'ט אויף ביימער —
זיי לעשן די פלאַמען.

עס גיבן אַ לאָז זיך,
די יידישע בינען.
ווי אַ כמאַרע אַ טראָג זיך,
פון פייער אַנטרינען.

אַ זשומיקער קנויל־קראַנץ,
די בינען צוזאַמען.
די קעניגן בין טאַנצט,
אַרויס פון די פלאַמען.

נאָך איר, די בינען,
אין שוואונג — אַ טאָרנאַדע.
דעם שונא געפינען,
עס טראָגט זיך אַ טשאַטע.

פאַר ווערמען דעם האָניק,
געזאַמלט פון בלומען.

דעם גיפט פֿאַרן שונא,
זיי זשומען און זשומען.

ווי אַ האַריקער ווייזל,
מיט טויזנטער גיפטן.
די בינען זיי שפּיזן,
מיט נאָדלען און שטיפּטן.

אין אויגן, אין קעפּ,
זיי קלייבן ניט איבער;
אין אַ בינען געוועט,
זיי נאָדלען מיט פֿיבער.

אויף אייזלען און פֿערד,
די גיפטן זיי צישן.
אין קודלאַטע בערד,
זיי שטעכן די שפּיזן...

מיט שווערדן געפּאַך,
גאַלאָפּ ווי פֿון זינען.
דעם שונא פֿליען נאָך,
די יידישע בינען.

עס זינגט אַ געזאַנג,
עס הילכן די שטימען.
מיט צימבל געקלאַנג,
אַ געזאַנג צו די בינען!

די בוימער געצוואָגן,
פֿאַרטשאַדעט מיט רויכן.
לידער זיך טראָגן,
צו די בערג, צו די הויכן!

דעם קאַמף צו געווינען,
זאָל ווערן פֿאַרשריבן.
אויך יידישע בינען,
דעם שונא געטריבן...

די וואַנט

די וואַנט איז פון שטיין. די וואַנט איז באַהיט,
צו דורות און דורות די וואַנט איז געשמידט.

קיין מבול, קיין שטורעם, קיין מענטשלעכע האַנט,
קאָן ניט צושטערן פון דורות די וואַנט.

אין קאָרבן פון קיזל, פון פאָלק דאָס געוויין,
דאָס זאַלץ פון די טרערן פאַרגליווערט אין שטיין.

העלדן דורך גזרות, קדושים אין בראַנד,
זיי זעען אין דמיון די הייליקע וואַנט.

ביים מזרח פון זון אין גאָלד אויפגעפלאַמט,
די אויגן פון פאָלק געווענדט צו דער וואַנט.

די וואַנט הימל הויך, און טיף ווי דער ים,
די הייליקע וואַנט פון מיין געפייניקטן שטאַם.

דורך שטורעם פון צייטן אין טריט פונעם זאַמד,
עס וואָגלט מיין פאָלק צום ליכט פון דער וואַנט.

אין גאַנג מיט נביאים דורך פייער און בראַנד,
אין קאַמף וועט מיין פאָלק דערגרייכן די וואַנט...

דער שטיינערנער באַרג

שוין צוויי טויזנט יאָר אַ שטיינערנער באַרג,
מיט יאָרן פאַרוואַקסן — אַ פעלדז אויף זיין קאַרק.
מיט מדברשן זאַמד פאַרקנאָטן אין דר׳ערד,
פון טראָפּישע שטראַלן נאָך וואַסער פאַרצערט.
אין אָדער פון שטיין פאַרגליווערט אַ צווייג,
וואָס וואָלט אַ וואַלד שוין געבוירן דורך צייט...
עס האָט זיך געביטן אַ דור נאָך אַ דור.
דער שטיינערנער באַרג שלאָפט צוויי טויזנט יאָר...

— — — — — — — — — — — — — — — —

און אָט איז געקומען צום שטיינערנעם באַרג,
אַ זון פון מיין פאָלק מיט גבורה געשטאַרקט.
געזאָגט האָט דער יונג — דאָ איז מיין היים,
עס וועט בליען אַ גאָרטן אויף פעלדזיקן שטיין.

אָט ברענגט מען צום פעלדזיקן באַרגיקן שטיין,
אַ בויערער מאַשין מיט שטאָלענע ציין.
אַ בויערער מאַשין ווי אַ הויכער זשיראַף,
זי בייסט אָפּ דעם שיכט פון נאָך איידער באַשאַף.
שוין ציען זיך רערן — עס פיבערט דער יונג,
שוין צוויי טויזנט יאָר די ערד וויל אַ טרונק.
מען רייניקט אַראָפּ דעם שטיינערנעם אָרץ,
אונטן ליגט ערד פאַרטריקנט און שוואַרץ.
די וואַסערן פריש פון קוואַליקן גרונט,
לעבן מיט טויט האָט פאַרשניטן אַ בונט.
טעכטער און זין מיט זריעה אין הענט,
זיי זייען די ערד פון דורות פאַרברענט.
אין איינעם אַ מאָרגן אַ וואונדער געשעט,
אויף שטיינערנעם באַרג אַ גרין גראָזן בעט.
מיט לעבן מיט נייעם אין גרינעם באַקלייד,
אַ נייעם יאָרהונדערט, דער יונג האָט פאַרזייט.
מיט שווערד און מיט אַקער ער שטייט און ער היט,
קיינער וועט מער ניט פאַרוויסטן זיין שניט...

יעקב און זיין כלה

1

יעקב איז פון שלאַכטפעלד אַהיימגעקומען,
מיט אויגן אויסגעלאָשענע ווי טינט.
ער האָט דעם שונא בייגעקומען,
יעקב איז אַהיימגעקומען בלינד.

ער האָט געקעמפט מיט זיין חייל,
צווישן שטיין און פעלדזן-ווענט.
צווישן די בערג פון ירושלים,
אַ שראַפנעל האָט זיין ראיה אויסגעברענט.

געגאַנגען איז זיין כלה אים אַנטקעגן,
באַגעגענען איר אויסדערוויילטן העלד.
שוואַרצע שלייערן אויף די וועגן,
אַ פינצטערניש פאַרשטעלט זיין וועלט.

2

ווי קאָן אַ כלה צו איר חתן קומען,
און ברענגען אים איר האַרץ, איר לייב?
מיט אויגן קלאָרע ווי די זונען,
צו זיין אים דאָס געטרייסטע ווייב?

וואָס קאָן אַ כלה פאַר איר חתן שפּינען,
צו געבן ליכט — צו געבן פרייד?
ער זאָל זיין רו אין איר געפינען,
זי איז פאַר אים איצט שטאַרבן גרייט?

איר חתנס אויגן: פינצטערע צוויי היילן,
מיט זיין ליכט געוואונען ישראלס זיג.
וויל זי אירע אויגן טיילן,
פאַר זייערביידנס גליק.

3

זי קומט צו אים מיט שטילע ווערטער,
מיט אַלץ מיין חתן טיילן זיך מיט דיר.
יעקב העלד, מיין אויסדערוויילטער,
נעם צו איין אויג פון מיר.

וואָס דאַרף איך אויגן צוויי מיט זונען,
אַז דיינע זיינען אויסגעלאָשן, בלינד?
טרינק מיין ליכט ווי פון אַ ברונען,
אין דיין פינצטערניש מיין ליכט צעצינדט.

יעקב שווייגט, ער קאָן ניט וויינען,
נישט געוואונען בלויז איין זיג.
זיין כלהס אויג פאַרפלאַנצט אין זיינעם —
אַ מענטשהייט לויכט פון זייער ביידנס בליק...

הגר

אין מאָרגן־רויט, אין גרויען זאַמד,
אַ פרוי פירט אַ קינד ביים האַנט.

דאָס זאַמד אין כוואַליעס ברענט און גליט,
און פאַרמעקט אין וועג די טריט.

אַ קאַקטוס ציט זיך ווי אַ שלאַנג,
און שוואַרצט דעם מדבר אינעם זאַמד.

צווישן הימל און צווישן זאַמד,
ציט זיך אוים אַ פרויען האַנט.

הגרס קול עס שרייט אין ווינט,
גאָט אין הימל, שיץ מיין קינד!

מיין האַר האָט מיך פאַריאָגט אין שפּאָט,
נאָר דו פאַריאָג דיין דינסט ניט — גאָט!

איך האָב קיין היים, איך האָב קיין לאַנד,
קיין ברויט, קיין וואַסער, זאַמד נאָר זאַמד...

מיין האַר האָט מיין לייב פאַרשעמט,
אַ קעפּס ווייב פאַריאָגט אין פרעמד.

מיין קינד איז דורשטיק ווי דאָס זאַמד,
האָסט מיין טרער אין זאַלץ פאַרוואַנדלט.

הגר גיט אויף זאַמד אַ פאַל,
עס שלאָגט אַרויס אַ פרישער קוואַל.

דאָס וואַסער שפּריצט מיט גאָלד קרישטאַל,
ווי אַ האַרף זינגט אויף איר קול.

פון די אויגן קוואַלט געוויין,
זי בויגט איר קינד צום קוואַל פון שטיין.

פון פרישן קוואַל טרינקט איר קינד —
אַ פאַסטוך רופט זיין פאַרלוירן רינד.

דער פאַרגאַנגענער ניגון

איך האָב ליב די חפצים פון מיין פאָלק דעם געיאָגטן,
די לייכטער, די שטייסלעך, די קוואָרטן.
אין יעדן לייכטער מיין פאָלק דאָס געפּלאָגטע,
פלעמלט און שפּיגלט זיך דאָרטן.

אין בראָנז פון מנורה, די ליכטער געצונדן,
מיט לייבן — די וועכטער פון גבורה,
די הירשן אין שוואונג מיט הערנער געבונדן,
וואָס שוועבן צו די בערג אין אַ שורה.

דאָס שטערן-טיכל אויף אַ גרייז גרויען שטערן,
וואָס באָבעס פלעגן זיך צירן.
די ציטער-נאָדל די לויטערע פּערל,
דעם ניגון פון שיר-השירים.

די כוסה די בלויע, ווי קרישטאָלענער הימל,
וואָס דורות האָבן געטרונקן.
דאָס פייפל, דער פידל, די קלעזמער אין רומל,
דער ניגון וואָס איז שוין פאַרקלונגען.

דעם פּרוכת פון רייננסטן גינגאָלד געשפּונען,
פון רעגנבויגן די לויטערסטע פעדים;
איך האָב ליב די חפצים וואו מיין פאָלק האָט געפונען
דעם תיקון צום אייביקן לעבן.

אַ בריוו צו מיין חברטע אין ישראל

מינא ווײַנשטאָק־
האַרניק אַ מתנה

איך האָב היינט באַקומען אַ ליכטיקע בשורה,
פון ישראל, פון תל אָביב.
מיין קינדהייט זיך פליגלט אין יעדווידער שורה,
פון מיין יוגנט חברטעס זוניקן בריוו.

חברטע מיינע, דורך ים אָפּגעזונדערט,
וואָס זיינען דען יאָרן צווישן אונדז היינט?
מיר האָבן צעשיידט זיך אַ פערטל יאָרהונדערט,
איך שוועב איצט צוריק צו מיין קינדערשער פרייד.

וואָס זיינען דען יאָרן אין גאַנג פון די צייטן,
ווי אַ צווילינג זיך שטענדיג געהאַלטן באַנאַנד,
צוויי מיידלעך קליינע מיט חלום פון ווייטן,
אַהיים פאַר ישראל — אַן אייגן לאַנד.

שפּעטער מלחמה, שרעק און פּאָגראָמען,
טויט האָט געקאָסעט דאָס לעבן אין שניט...
ווער קאָן דען די שרעקלעכע יאָרן דערמאָנען,
דאָס געוויין אין די קעלערן פון יעדווידן ייד?!

דו, מיט דיין פידל — ליגסט אויפן בוידעם,
איך, מיט די לידער, באַהאַלטן אין גרוב.
עס האָט דעמאָלט דער שונא די יידן גערודפט,
פייער פאַרצערט האָט אַ יעדע יידישע שטוב.

מיר זיינען ביינאַכט ווידער געלאָפן,
אויף דיין אַקסל געציטערט די וואָלענע שאַל.
דו, מיט דיין פידל, איך, מיט די סטראָפן,
מיר האָבן געשעפּט פון זעלביקן קוואַל...

אויף הפקר וואַגאָנען, דורך שטורעם פון רעגן,
אויף קוילן בערג באַהאַלטן זיך מיד.
עס האָט אונדז ישראל געלויכטן אַנטקעגן.
איך האָב עס נאָך דעמאָלט פאַרקריצט אין אַ ליד.

מיין היים איך האָב אויף אַמעריקע פאַרביטן;
דו ביסט קיין ארץ ישראל אוועק.
עס האָט היטלער אונדזערע היימען פאַרשניטן —
אַ דריט פון מיין פאָלק אונטערגעזעגט!

איך לייען איצט דיין בריוו טעג און מעת־לעתן,
איך זע דיך מיין חברטע אין העלדישן קאַמף,
דיין קאַמף איז אויך מיינער, ווי קאָן איך פאַרגעסן,
אונדזער ליכטיקן חלום פון אַן אייגן לאַנד?

אויפן ווייסן קאָנווערט ישראלס מאַרקע,
מיינע ליפּן רירן די מאַרקע איצט אָן.
איך זע אָט די העלדן; גיבורים שטאַרקע,
אין העלדישן קאַמף שלים מיך אויך אָן.

מיין הימל לאַכט מיט גאָלדענע זונען,
מזרח און מערב זיך האָבן דערנענט.
אין קאַמף פאַר ישראל דעם חלום געשפּונען,
מיר גיבן זיך ביידע דורך ימען די הענט.

דער דעמב

וואַקסט אַ בוים הויך און שלאַנק,
אַלע בוימער וואַקסט ער איבער.
דער דעמב, ער איז שוין דורות לאַנג,
פון וואַלד דער שטאַלצסטער גיבור.

דער שטורעם רייסט אים פאַר די האָר,
ווינטן ברעכן זיינע צווייגן.
ער הויבט זיך אויף מיט יעדן דור,
צו די הויכן העכער שטייגן.

זומער שפּרייט ער אויס זיין קרוין,
פייגל בויען זיך דאָרט נעסטן.
עס ציט צו אים זיך יעדער בוים,
מיט זיין גרויסקייט זיך פאַרמעסטן.

גיט דער שטורעם אים אַ שניט,
דער דעמב פאַרהיילט די וואונד פון שפּליטער.
איך זע אין דעמב מיין שטאַם צעבליט,
וואָס איז שטאַרקער פון געוויטער.

ווי אַ ריזן וועכטער דער דעמב ער וואַכט —
דער דעמב ער רוישט מיט גרינע פעכער.
מיט זון און הימל און מיט קראַפט,
פון אַלע בוימער וואַקסט ער העכער...

ניין און צוואַנציק קינדערלעך

אין אָנדענק די קינדער וואָס זיינען אומגעקומען אין עראָ־פּלאַן קראַך אויפן וועג קיין ישראל.

א.

ניין און צוואַנציק קינדערלעך
ברוינהויטיקע ווי קאַקאָ.
יידיש טונקעלע קינדערלעך
פון אַפריקע: מאַראָקאָ.

די גופימלעך אויסגעצערט,
דאַרע הויט און ביינער.
קינדערלעך — אין נויט דערנערט,
מיט לויכטנדיקע ציינער.

עס פינקלען זייערע אויגעלעך,
די הענטלעך דאַרע שפּענער.
די שוואַרצע קרויזן־קעפּעלעך
פון פּרינצן זיינען שענער.

אין עראָפּלאַן זיי שטייגן איין,
אין וואָלקנדיקן נעפּל;
צו פליען צו אַ נייער היים,
צו אַ נייעם לעבן.

דער עראָפּלאַן שניידט די נאַכט
אַריבער בערג און טאָלן,
פליען קינדערלעך פאַרטראַכט
קיין „אָסלאָ" זיך דערהאָלן.

ב.

וואָלקנס, שניי־בערג אויפגעבויכט,
בויכן זיך פאַנאַנדער.
דער עראָפּלאַן שווימט און טויכט,
שניידט זיין וועג אין וואַנדער.

שטערן פינקלען: קרענץ פון גאָלד,
וויגן זיך פון אויבן,
בלויער שניי פון פראָסט באַמאָלט,
קלעפּן צו די שויבן.

קינדערלעך זיך מאָלן איצט
בלויע בערג פון ציון.
ווי אין דמיון אויפגעבליצט
אַהין, אַהין זיי פליען.

זיי זעען איצט אויסגעשפּרייט
צעדער גרינע בוימער,
זיי הערן איצט אַ פּאַסטוך־פליט,
יעדעס קינד — אַ טרוימער.

זיי זעען איצט אַ בלויען טייך,
מיט זון — אַ שפּיגל רויטן,
אַלע קינדער זיינען גלייך,
מיט ברוין און ווייסע הויטן.

זיי זעען איצט אַ קינדער־שול,
אַלע לערנען זיך צוזאַמען,
זיי זינגען אויף מיט איינמאָל:
אני מאמין, אני מאמין...

ג.

פלוצלונג גיט זיך אַלץ אַ דריי,
אַ שווינדל ראָד אין צאַפּל,
יעדעס פּנים — אויסגעשריי,
פאַרגליווערטע שוואַרצאַפּל.

אַ ראָד — די וועלט איבערגעקערט,
אַ ווינט־מיל בליצט אין פלאַמען.
צווישן הימל, צווישן ערד —
ניטאָ אין וואָס זיך קלאַמען.

דער הימל פאַלט אַראָפּ צו דר'ערד,
און רייסט מיט זיך די שטערן;
אַ פייער זייל אין נאַכט פאַרצערט
געוויין פון שרעק און טרערן...

פון דער פייערדיקער לופט
פון די זיילן פלאַמען,
אַ קינדיש קול אין נאַכט עס רופט:
מאַמע! מאַמע!

ד.

אויפן באַרג, אַ שניי־וואַלד טויכט
מיט אַלטע בוימער שטאַמען.
שמעלצט דער שניי זיך פונעם רויך
און זאַפּט אין זיך די פלאַמען.

שטרעקן אוים זיך צווייגן־הענט
פון ווינטער שלאָף פאַרגלידערט.
אַ פייער זייל האָט אויפגעברענט,
דער באַרג האָט אויפגעציטערט.

דאָרטן ווי אַ קראַטער טיף,
דער עראָפּלאַן צעשמעטערט.
ביים עק פון דער צעקראַכטער שיף
פון גאַזן רויך פאַרשלעפערט.

ליגט אַ קינד און קרעכצט אין פּיין
צום ברוכוואַרג צוגענאָגלט.
קיינער הערט ניט זיין געוויין —
קיינער ענטפערט ניט זיין קלאָגן...

עס רויכערט זיך אַ לעצטער פלאַם,
ער רופט זיין שוועסטערס נאָמען.
אַ האַלעוועשקע דער עראָפּלאַן,
אַ בית־עולם — אַלע שטומען.

דאָ ליגט אַ פוס, דאָ ליגט אַ שוך,
דאָ ליגט אַ קאָפּ צעשפּליטערט.
אַ קינד עס האַלט אַן אַשיק־בוך
אין טויטע הענט פאַרגליווערט.

דאָ, זיצט דער פּילאָט איינגעדרייט,
אָרום באַרג פון טויטע גופים,
איבער זיי עס שנייט, עס שנייט,
און פאַרדעקט די ברוכן.

אַ הירש האָט אויפגעבליצט אין שפּרונג,
צעברומט האָט זיך אַ חיה.
עס לעשט זיך אוים דער לעצטער פונק,
שטיל — ווי אויף אַ לויה...

ה.

שלאָפט ער שוין דאָ טויזנט יאָר?
שלאָפט ער דאָ אַ רגע?
איז עס אַ חלום אָדער וואָר,
גייט ניט דאָרט אַ יעגער?

עס שנייט, עס שנייט, אַ ווייסע וועלט,
ווער פאַרדעקט די גרוילן?
אימיץ האָט זיך אָפּגעשטעלט
און וועקט אויף דעם בית־עולם.

אַ פויער מיט אַ שטריק אויף לענד,
אַ ווייסער פעלץ ווי וואַטע.
הויבט אים אויף אָף זיינע הענט,
מיט ליבשאַפט פון אַ טאַטע.

רעדט צו אים אַ לשון פרעמד.
ער פאַרשטייט אים דורך די אויגן.
מיט גוטע ליבע טאַטע־הענט,
ער האָט אים אויפגעהויבן.

ער וויקלט אים אין שאָפּן־פעלץ,
טרייסט אים אויף זיין לשון.
שיצט אים פון ווינט און קעלט,
דעקט אים צו מיט קושן.

ברענגט אים אין אַ ווייסן הויז,
מענטשן לויפן זיך צוזאַמען.

פון די בליקן לייענט ער אויס:
תחית המתים אויפגעשטאַנען.

ער פאַלט אַוועק אין טיפן שלאָף,
עראַפּלאַנען זשומען, זשומען,
פאַר וועלכע זינד, פאַר וועלכע שטראָף
זיינען זיי אומגעקומען?!

ער פליט אין חלום נאָענט צו גאָט,
פייער וואָלקנס העלן,
זיין וועט ער אַ פּילאָט —
חלומט יצחק עלאַל...

ז.

אַכט און צוואַנציק אַרונדלעך
שטייען אין אַ שורה.
אַכט און צוואַנציק אַרונדלעך
ברענגט מען שטיל צו קבורה.

זייער חלום ניט דערלעבט
צו זיין ישראלס בויער,
די גאַנצע שטאָט בויגט די קעפּ,
שליסט זיך אָן אין טרויער.

עס דעקט זיי צו ישראלס פאָן,
באַגלייט זיי אינעם קבר.
ביי זייער טויט — עס שווערט אַ זון,
אַ גליד פון זייער אבר.

צום חלום לאַנד ער קוקט פאָרויס,
אַכט און צוואַנציק פעלן —
גאַנץ וועט זיין ישראלס הויז,
שווערט איצט יצחק עלאַל.

זייערע טרוימען אָפּגעשטעלט,
וועט ער זיי ווייטער שפּינען,
אין אַ נייער שיינער וועלט.
אין לויטערן באַגינען.

צו קבורה

חנה סענעש — געהייליקט

דורך שנייאיקע וואָלקנס, דורך ברויזיקע ימען,
אויף אַ שטאָלענער שיף געשוואומען איז חנה.

צום לאַנד פון די פּאַלמען, צוריק פון די שלאַכטן,
געשוואומען איז חנה אין ארון פאַרמאַכטן.

איר יונג מיידלשער גוף פון קוילן צעשאָסן,
די בלוי ליכטיקע אויגן אויף אייביק פאַרלאָשן.

געשוואומען, געשוואומען מיטן אָרון צוזאַמען,
באַגלייט זי אין וועג די ביבלישע חנה.

מיט די זין די זיבן, די העלדישע מאַמע,
ווי שטאָלצע יידן געשטאָרבן צוזאַמען.

אין גערויש פון כוואַליעס, אין לופט אַ געציטער,
אַ געזאַנג צעשאַלט פון פאַרטיזאַנען לידער.

דבורה הנביאה, מרימס אָרקעסטער,
עס שווימען איר נאָך פאַרטיזאַנען שוועסטער.

דורך שטורעמס, דורך וואָלקנס, דורך טויט און דורך פלאַמען,
דורך בלייענע הימלען זיי שווימען צוזאַמען.

אין פּאַלמען-לאַנד זי ברענגען צו קבורה,
שאַלט אַ געזאַנג, שאַלט אָט די בשורה!

— די שעה אויסגעבענקטע איז ענדלעך געקומען —
זאָל אייביקייט איינרינגלען איר העלדישן נאָמען...

אַ חתונה אין ישראל

אַ חתונה אין ישראל אויף אָפענעם פעלד,
עס טאַנצן די פּאָרלעך אַרום אַ געצעלט.

עס פּייפן די פייפלעך, מען זינגט און מען טאַנצט,
עס פייקלען די פּייקלעך, אַ מענטשלעכער קראַנץ.

די פיס אין אַ „האָרע" צום טאַקט קלאַפּן טריט,
חתן־כלה! אַריין אין דער מיט!

עס רופט אויס אַ חבר דאָס דרשה־געשאַנק,
פאַר חתן־כלה שפּילט אויף אַ געזאַנג!

מען פירט איצט אַריין אַ פּרינצעסין — אַ קו...
דרשה־געשאַנק — אין אַ גוטער שעה.

אַ געזאַנג אויפגעשפּילט פון חתנס צד —
די קו האָט אַ קעלבל אַ פלאַמיקס געהאַט.

פירט מען אַריין דאָס קאַלב אויף אַ שטריק,
אַ פריילעכס שפּילט אויף, פאַרן קעלבל מוזיק!

פון דאָרטן מחותנים מיט לעמעלעך צוויי,
אַהער קומט אין ראָד, אַריין אין געדריי.

זע, דאָרט מען פירט אַ הילצערנע שטייג,
מען לייגט עס אַוועק — און גאָרניט! מען שוויגט...

פון ערגעץ אַ פעטער, פון וועלכן גוט יאָר,
ער לייגט צו צום נדן: הינער אַ פּאָר.

דאָרט לויפט אַ מומע, אַזוי ווי אין טאַנץ,
הינטערן שאַל זי טראָגט גאָר אַ גאַנדז...

חתן־כלה גבירים, עשירים, נאָר זעט;
עס פעלט זיי דערוויל — אַ שטול און אַ בעט.

עס פּעלט זיי אַ שטוב, אַ דאַך איבער קאָפּ,
היידאַ אין טאַנץ, שליסט איין זיך אין ראָד!

מיידלעך און בחורים מיט אַקסל פאַרגלידט,
טאַנצן אין ראָד, חתן־כלה אין מיט.

דער הימל שיקט אויך זיין דרשה־געשאַנק;
גאַרבן מיט שטראַלן ביים זונען פאַרגאַנג.

עס פייפן די פייפלעך, מזל־טוב אייך!
איר זייט דאָך גבירים, ווער איז אייך גלייך?

פרייד אין די אויגן, לחיים דעם פּאָר,
זייט געבענטשט! פאַר ישראל אַ נייער דור.

גיי אויף דו נייער מאָרגן!

גיי אויף דו נייער מאָרגן, פון וואָלקנס זיך באַפריי,
גיס אָן מיין פאָלק מיט גלויבן צום בויען פונדאַמענט.

גיי אויף דו נייער מאָרגן, באַלויכט דעם טאָל פון לייד,
עס האָבן זעקס מיליאָנען קדושים דיין אויפשטראַלונג באַגלייט.

גיי אויף דו נייער מאָרגן! ברענג אונדז ליכט און טרייסט,
זאָל דאָס פאָלק שוין זיין פון אומגליק אויף אייביק אויסגעלייזט.

גיי אויף דו נייער מאָרגן, באַווייז זיך אין דיין פּראַכט,
זאָל אויף אייביק שוין פאַרשווינדן די שוואַרצע טרויער־נאַכט.

גיי אויף דו נייער מאָרגן מיט ליבשאַפט פון דער הויך,
גיס אָן מיין פאָלק מיט זעאונג, מיט גבורה און מיט כוח.

גיי אויף דו נייער מאָרגן, די פינצטערניש פאַרטרייב,
טראָג שטראַלונג דיינע קינדער ביי איין יום־טוב־טיש.

גיי אויף דו נייער מאָרגן, ברעך דורך דעם וואָלקן שטויב,
פון טיפעניש פון פיין — מיין פאָלק צוריק דערהויב.

גיי אויף דו נייער מאָרגן, אויף יעדן שטעג און שליאַך,
זאַמל איין די קינדער דיינע הינטער איין שלום דאַך.

עם ישראל חי!

די ערשטע עלף קבוצות
אין נגב אַ מתּנה.

עם ישראל חי!
עם ישראל חי!
דורך די בערג עס שוועבט אַ ניגון,
אַלע שטערן זיך צעוויגן —
עם ישראל חי!
אַלע וועלטן הערן, הערן,
קיינער וועט מיין פאָלק צעשטערן —
עם ישראל חי!

טאַנצן מיידלעך אין אַ „האָרע”
און די בחורים, קיין עין הרע, —
עם ישראל חי!
פון די בונקערס, פון די קברים,
טאַנצן זיי אין נאַכט אַ „האָרע” —
עם ישראל חי!

שרה, רבקה, רחלס טעכטער,
מיט געזאַנג, און מיט געלעכטער —
עם ישראל חי!
מדבר־פאַנען אויפגעהעלטע,
עלף קבוצות אויפגעשטעלטע —
עם ישראל חי!

ווי אַ קוואַל עס רוישט די בשורה:
ברוינע פיס מיט ערד און גבורה —
עם ישראל חי!
אויפגעשטאַנענע פון תהומען,
אויף צעפּיקעניש די שונאים —
עם ישראל חי!

אויסגעלייזט פון קאַלכאויוון,
טאַנצן זיי מיט נייעם גלויבן —
עם ישראל חי!

מרים טאַנצט זיי איצט אַנטקעגן,
און זי פּייקלט חי, צום לעבן —
עם ישראל חי!

יעקב דרייט זיך מיט זיין רחלען,
יידן, יידן האָט בטחון —
עם ישראל חי!
אין די אויגן טאַנצן טרערן,
אונדזער פאָלק עם וועט זיך מערן —
עם ישראל חי!

ד.

באַשאַף

גיב מיר אַ ליד, עס זאָל שמעקן ווי ערד,
מיט פרילינג-גראָז פון צייט ניט צעשטערט.

גיב מיר אַ ליד, ווי דער קוש פונם טוי,
מיט אויפגאַנג פון זון, מיט מאָרגן בלוי.

גיב מיר אַ ליד פונם שענסטן געבוי,
עס זאָל שמעקן ווי לייב באַגערט צו אַ פרוי.

גיב מיר אַ ליד אַזוי פריש ווי אַ קינד,
וואָס טראָגט אויף די בעקלעך זון און ווינט.

גיב מיר אַ ליד ווי דער ציטער פון האַרץ,
מיט חכמה פון צונג, ווי אַ דימענט שאַרף.

גיב מיר אַ ליד עס זאָל ברענגען דעם שפריי,
מיט צוקער באַקאַנדלטן, ווייסקייט פון שניי.

גיב מיר אַ ליד: שאַמפּאַניע אין בלוט,
איך זאָל זאָגן דעם אַלטן כי־טוב: עס איז גוט.

דאָס ליד פון באַשאַף אייביק עס קוועלט;
עס עפנט פאַר דיר דאָס האַרץ פון דער וועלט.

מיט הבטחה פונם זיידן

דער זיידע מענדעלע מיט דער קליאַטשע אויפן וועג,
ער פאָרט, און פאָרט און פירט אין זיין פאַרמעג,
ספרים יידישע צו שטיבער ווייט און וויסט:
אַ זון אַ גאָלדענע דעם זיידן מענדעלען באַגריסט.
דער זיידע מענדעלע רחבותדיק ווי אַ גביר,
ער פירט דאָס יידיש וואָרט פון טיר צו טיר.

שטיבעלעך מיט דעכעלעך אויסגעבעט פון שטרוי,
ביים ליכטבענטשן עס שטייט מיט הענט פאַרהילט אַ פרוי.
די הענט געאַדערטע פון שווערער אַרבעט וואָך,
דער שבת קומט, זי וואַרפט אַראָפּ דעם יאָך.
מיט ליכטיקייט עס בלענדט דער פרייטיקצונאַכט,
דער זיידע מענדעלע האָט אַ נייעם שבת מיטגעבראַכט.

דער הימל איז מיט שטערן־גאָלד פאַרזייט,
דער שבת־טיש מיט ספרים אויסגעשפּרייט.
די קינדערלעך מיט פריידיקן געטומל און געשריי,
די קליאַטשע רוט אין הויף און קייט אַ בינטל היי.
די פולע וואָך גייט אויף ביים לבנה שיין,
דער זיידע מענדעלע שפּאַנט די קליאַטשע ווידער איין.

דער זיידע מענדעלע איז ווייט פון אונדז אַוועק,
געלאָזן אונדז צו ירשנען זיין גרוים פאַרמעג.
און דיכטער היינטיקע מיט הבטחה אין די טריט,
טראָגן פאָרן נייעם דור דאָס נייע יידיש ליד.
די קליאַטשע גייט ניט מער אין שווערן שפּאַן,
די וועלט מען קניפּט צענויף דורך עראָפּלאַן.

פון ערגעץ ווייט דער זיידע מענדעלע ער קוועלט,
פון שטיבער יידישע דאָס נייע וואָרט עס הערט.
די אייניקלעך זיי האָבן ניט דעם גאַנג פאַרשעמט,
דאָס יידיש ליד גייט אויף אין ווייטער פרעמד.
מיט הבטחה פונם זיידן די אייניקלעך געפּאָרט,
ווי אויף אַ רייפן פעלד גייט אויף דאָס יידיש וואָרט.

יום־טוב אינדערוואָכן

זאָג מיין חבר, איז עס אינדערוואָכן?
אויף טישן פלעמלען דאָך די שבתדיקע ליכט.
זע, די פּנימער מיט יום טוב און בטחון,
עס שטראַלט אַ זון אין יעדן וואָכיקן געזיכט.

ניט געטרונקען — און מיר זיינען אַלע שיכור,
ווייל הונגעריק נאָך יידיש ליכטיק וואָרט.
אין וואָכיקייט — דער יום טוב איז דער עיקר.
יעדער קלאַנג איז זיסער נאָך פון טאָרט.

עס איז אַ קוואַל דאָס יידיש ריינע לשון,
זע, די אויגן ווי דימענטן צעשטראַלט.
מיר האָבן דאָ אַ בונד אַ חברשן געשלאָסן,
זע, מיין חבר, ווי עס וואַקסט דער וואַלד...

נאָנט איז אונדז איעדער שכן,
וואָס קומט צו אונדז מיט ליכטיקן געמיט.
עס איז אַ יום־טוב אינמיטן אינדערוואָכן,
עס קריגט אַ תיקון יעדעס יידיש ליד.

איך בין געקומען היינט אַזוי צעבראָכן,
עס איז די וועלט מיט רשעות און מיט סם.
זע, אין אויגן ווי עס שטראַלט בטחון,
פון די פונקען שמידן מיר דעם פלאַם...

דער אמניבוס

א.

דער „אמניבוס” געפּאַקט מיט מענטשן,
דער וועג איז ווייס און שווימט צוריק.
הענט געקלאַמערטע אויף פּרענטשן,
זון עס שפּיגלט יעדנס בליק.

פעלד און ביימער שווינדן, שווינדן,
שלאַנקע זאַנגען בלענדן גאָלד.
סאָסנעס פלעכטן זיך מיט לינדן,
און דער הימל בלוי באַמאָלט.

די זון זי פליט אַ רויטער פליגל,
דער „אַמניבוס” ער שניידט דעם ווינט.
און דאָס לעבן ווי אַ וויגל
יעדנס גורל ווערט באַשטימט.

ב.

ווער האָט אָנגעקלאַפּט דעם הימל?
איז געפאַלן אַ קאָמעט?
ווער שרייט עס דאָרט אין ווילדן ווימל,
אַ טאַנץ געטאָן האָט וועלכער שד.

געבראַזג פון שויבן, פענצטער רעדער,
מענטשן פאַלן אין איין קנויל.
עס וויל זיך ראַטעווען אַ יעדער,
יעדנס פּנים איין שטיק גרויל.

אַלע נעכטנס, אַלע מאָרגנס,
אויפן וואָגשאָל פון איין בליק.
דאָס גאַנצע לעבן שרייט פאַרבאָרגן,
אין איין לעצטן אויגנבליק.

ג.

שוואַרצע נאַכט, בעטן ווייסע,
ווער ליגט עס דאָרט אַנטקעגן מיר?
בין איך אַ חלום פון אַ מעשה,
מענטשן פרעמד אויף בעטן פיר.

שוואַרצע נאַכט, און שטילער קרעכצן,
פיר ווייסע גייסטער אין דער נאַכט.
ווער האָט אין פרעמדקייט אונדז פאַרשוועסטערט,
אויף בעטן פיר צונויפגעבראַכט.

וועלכער גורל, וועלכער ווייסטער,
האָט אַ שאַרף געטאָן זיין שפּיז.
מיינע אויגן שווערע שליסט ער,
עס פאַלט אַ באַרג אויף מיינע פיס.

ד.

די שטילקייט שווימט אויף בלויע פליגל,
די שטילקייט טראָגט מיך צו מיין רו.
אויף בלויע בערג צום העכסטן היגל,
און אָט בין איך שוין מער ניטאָ.

איך בין געווען אַ בליץ פון זומער,
איך בין געווען אַ וויטער קלאַנג.
איך בין געווען — איך בין ניטאָ מער,
איך בין געווען אַ זונפאַרגאַנג.

איך האָב געוואָלט די זון דערלאַנגען,
איך האָב דערזען דעם העכסטן זייל.
דורך פּיין און טרויער דורכגעגאַנגען,
איך בין געווען דאָ אויף אַ וויַיל.

די שטילקייט שווימט אויף ליכט פון פינגער,
איבער מענטשן קעפּ איך שווים.
עס האָט אַמאָל געלעבט אַ זינגער —
ווער האָט פאַרלאָשן היינט מיין שטים?!

איך שווים אַזוי אין בלויע ווייטן,
איך שווים אויף שפּינוועבס פון אַ בריק.
אַ מיידעלע שפּילט אויף אַ פליײטל,
און רופט צום לעבן מיך צוריק.

זי רופט מיך מאַמע, אין מיין דרימל,
זי וועקט מיך מיט איר זיסן קול.
אין געבראַזג פון גלאָז און טומל,
זי רופט מיך דורך באַרג און טאָל.

אין מיין פאַל — זי האַלט מיך אונטער,
אין מיין שלאָף זי וועקט מיך אויף.
פייער רעדער פלאַמען בונטער,
פון די פלאַמען זי שווימט אַרויף.

איך שווים אין תהום און זינק אין שלומער,
אויף הייסע כוואַליעס פון דער לופט.
איך בין געוועזן — איך בין ניטאָ מער,
אין דער נאַכט אַ קינד מיך רופט.

ה.

הימל, ערד, און איך אינמיטן,
איבער מיר אַ קראַנץ פון שטערן.
איך האָב דעם טויט היינט אויסגעמיטן,
דיר מיין קינד, איך זאָל געהערן.

טויט, ער נידערט אין זיין שאָטן,
די לבנה בלאַנקט נאָך העלער.
זי האָט די פינצטערניש באַטראָטן,
און טראָגט מיר ליכט — אַ גאָלדן טעלער.

לבנה־טעלער פון נאַכט געטראָגן,
שטערן ליכטער לייכטן אונטער.
און איך שוועב אויף אַ פייער וואָגן,
דריי זיך רונד און רונד און רונדער.

וויל מיך אויפהויבן פון שוועבן,
טויט שטרעקט אוים די פינגער לאַנגע.
אַלץ אין מיר איז לויטער קלאַנגען,
איך וויל לעבן, לעבן, לעבן...

פון דער פינצטער

פון דער פינצטערניש ביסטו אויסגעוואַקסן,
ווי עס וואָלט דער שטורעם דיך צו מיר געבראַכט.
אויף דיין פּנים גרויל פון אַלע מיינע שלאַקסן,
ביסט אויסגעוואַקסן ווי פון דער נאַכט.

איך האָב ניט געזען די וואונדן אויף דיין פּנים,
איך האָב ניט געזען די שניטן אויף די הענט.
איך וואָלט דיך צווישן טויזנטער דערקאַנט,
אין וואָגל פון דער ווייטסטער פרעמד.

ניט דאָס געוואָלט דיר דורך די יאָרן זאָגן,
עס האָט אַ פינצטערניש מיינע אויגן צוגעדעקט.
געהערט האָסטו דאָס האַרץ מיינס שלאָגן,
ווי אַ זייגער שלאָגט אוים פאַרלוירענע טעג.

די בלויע שעה

ס׳איז פונקט געווען אזא פארנאכט אט דעמאלט,
ס׳איז פונקט געווען אזא מין בלויע שעה.
האסטו פאר מיר אין שיינקייט אויפגעפלעמלט,
געפילט האב איך ווי אייביקייט ביסט דא.

אין הימל־ים האט זיך די זון געבאדן,
צעווארפן איבער הימל איר געוואנט.
ווי די זון האט נאר איר גאלד צעשאטן,
האט די וועלט אין פייער אויפגעפלאמט.

דער פארנאכט געווען א דורכזיכטיקער שפיגל,
אן אדלער האט געשוועבט אין רוים.
אין דער בלויקייט געשניטן זיינע פליגל,
גערוישט האט יעדער בלאט אין בוים.

וויפיל טרויער פון יענער שעה איז אויסגערונען,
וויפיל לעבנס האט די צייט פארלאשן.
היינט האב איך די בלויע שעה צוריק געפונען,
ווי אן אוצר אין זכרון זי צוריק פארשלאסן.

הינטער דיינע לינדן

הינטער דיינע לינדן האָב איך מיין ליד געשפּונען,
הינטער דיינע שאָטנס האָב איך מיין טרייסט געפונען.
איך האָב געטרונקען טוי פון דיינע בעכער טרערן,
מיט דיינע בלעטער-הענט געגלעט מיין פיבער-שטערן.
די יאָרן גרויליקע, מען זאָגט זיינען פאַרשוואונדן,
אין מיר ווייטיקט אייביק פון מיין פאָלק די וואונדן.
זע, ווי גרין ביסט ווידער היינט געוואָרן,
דיינע קרוינען אין גרינעם זומער ניי געבאָרן.

דו האָסט די גרינע סאָסנעם פאַר אַ חופּה מיר געליגן,
און אָפּט פאַרליבט מיט דיין שיינקייט דאָ געשוויגן.
מיט די בינען, שוואַלבן, גרילן נאַכטיגאַלן,
מיט זייער פרייד האָט אויך מיין ליד געשאַלן.
דער בוים-קלאַפּער, דער שער-שרייער, די מאָדנע גרילן,
זיי האָבן ניט פאַרשטומט מיין הייסן ווילן.
איך האָב מיין חלום מיט דיין זומער ענג פאַרבונדן,
מיט דיין פּראַכט האָסטו געקילט די הייסע וואונדן.

דער ווהי-פער-וויל ער רופט און וויינט זיין ניגון,
און וויל זיין חלום אין די שטומע בערג פאַרוויגן.
פליט פון בוים צו בוים, וויינט און רופט צו וועמען —
איך בין לויטער פיין און קאָן זיין ליד באַנעמען.
שענק מיר דיינע שאָטנס, שענק מיר דיינע בלעטער,
איך וויל פאַרקריצן מיין עבר און מיין שפּעטער.
וואַלד מיין וואַלד, הינטער דיינע שלאַנקע לינדן,
וועט מיין טרויער אַמאָל פאַרשווינדן?!

היינט קום איך צו דיינע שאָטנס ווידער,
וואונדן פון דער וועלט ברענען מיינע גלידער.
דו גיסט אַ שאָט אויף מיר צווייט פון דיינע שטויבן,
דו האָסט מיך פון דער נידער צו דיין הויך דערהויבן.
ווי אַ קעלטער וואָס פּילט זיך אָן מיט רויטע ווייגען,
קעגן זון און ליכט דיינע קרוינען שיינען.
אין טיפקייט פונם וואַלד פאַרצווייגט מיט דיר געוואָרן,
איך רינגל דאָ מיין לעבן אין רינג פון דיינע יאָרן.

צווײ ווערבעס

מײַן שטיבל מיט זונליכט פּענצטער,
מיט גרינע סאָסנעס אַרומגעקראַנצט.
בײַ דער זײַט האָב איך צווײ שענסטע,
דינע ווערבעס אײַנגעפּלאַנצט.

אײנע רוף איך נאָך מײַן מאַמען,
די צווײטע — נאָך מײַן טאַטנס נאָמען.
זאָלן מיר דאָ זײַן צוזאַמען,
מיט דער אײביקײט אַרומגענומען.

ווען די זון גײט אויף אין פלאַמען,
און פאַרשלינגט דעם מאָרגן שטערן.
אויף דער ווערבע פון מײַן מאַמען,
הענגען רונדע בלויע טרערן...

די ווערבע שטײט דאַן אײַנגעבויגן,
דער גרויער קאָפּ איז גרין געוואָרן.
די גרויסע טרערן ווי אין אויגן —
שפּיגלען זיך אין טאָג דעם קלאָרן.

דעמאָלט גיסן זיך צוזאַמען,
פון מײַנע אויגן הײסע טרערן.
און איך פאַל צו צו מײַן מאַמען —
אין שטומען בוים דערהערט צו ווערן...

אין דער לעצטער שעה

אין דער לעצטער שעה, אין שלאַפקייט פון די גלידער,
גאָט, נעם ניט צו פון מיר, דעם קוואַל פון לידער.

מיין אָטעם, מיין האַרצנשלאָג — דיר געבן —
נעם ניט צו פון מיר מיין ליד: מיין לעבן.

נעם ניט צו פון מיר דעם כישוף־ניגון,
דורך מיין וואָרט — דיין באַשאַף קריגט פליגל.

ווי פון אַ וואונדער־קוואַל לידער קוועלן,
זונען פערל אין מיינע אויגן העלן.

אָן זיי — בין איך נאַכט אָן שטערן —
אָנגעלאָדן מיט לעבן שווערן...

אָן זיי — בין איך ערד אָן רעגן,
צו זינגען לידער פאַר דיינעטוועגן.

אין דער לעצטער שעה פון מיין אָטעם ציטער,
גאָט, נעם ניט צו פון מיר דיין געשאַנק: די לידער.

פאַרלאָז מיך ניט מיין ניגון

איך האָב אָפּגעשלאָסן היינט מיין בוך,
וויפיל צער דאָ ליגט פאַרשוויגן,
דעם אמת אייביקן דורך וואָרט איך זוך —
פאַרלאָז מיך ניט מיין ניגון.

פאַרלאָז מיך ניט אין גליק און פרייד
ווי אין אָדערן די בלוטן,
פאַרלאָז מיך ניט אין איינזאַמקייט,
אין די גרויליקסטע מינוטן.

עס ניגונט נאָך אין מיר דער קלאַנג,
ביים ספר פון מיין זיידן;
פאַרלאָז מיך ניט מיין שטיל געזאַנג,
דער ניגון פון אונדזביידן.

אַ זילבערנער הימל

אהרנען

הינטער זילבערנעם הימל און גאָלדענע שטערן,
זיי האָבן געשוואוירן זיך אייביק געהערן.

הינטער זילבערנער חופּה זיי זיינען געגאַנגען,
אין זייער חלום די וועלט צו דערלאַנגען.

זיי האָבן געחלומט: קינדער געבערן,
שענסטע מתנות דעם פאָלק זאָל געהערן.

די נאַכט האָט צעשפּילט פון אור־קוואַל די פליטן,
מיט פויגל געזאַנג אין גאַנג זיי באַגלייטן.

די שפע פון פעלדער, זיי ברכות געטראָגן,
מיט ריחות פון זאַנגען די ערד האָט געשלאָגן.

מיט שיכרות פון מירטן, מיט סאָסנעס פון בוימער,
זיי זיינען געגאַנגען צוויי ליכטיקע טרוימער.

אין נאַכט פייער־פליגן: בריליאַנטן אין אויגן,
פאַר זיי אויסגעטאַנצט דעם רעגנבויגן.

אַ פערטל יאָרהונדערט איז שוין פאַרגאַנגען,
הינטער זילבערנעם הימל און גאָלדענע קלאַנגען.

דורך דונער און בליצן, דורך שטורעם פון צייטן,
אַ זילבערנער הימל געלויכטן פון ווייטן.

דורך וואונדן פון לעבן, אין גאַנג אין שווערן,
אַ זילבערנער הימל — און גאָלדענע שטערן.

יאָרן און טעג זיי גייען, פאַרגייען,
איצט שפּאַנען שוין קינדער מיט זיי אין די רייען.

די מוטער דערציילט: דורך ציטער פון טרערן,
אַ זילבערנער הימל — און גאָלדענע שטערן...

אַזוי לאַנג

אַזוי לאַנג מיין לייב איז נאָך ווייס,
אַזוי לאַנג מיין גוף טראָגט קיין שניט.
וועל איך ליבן דיך הייס,
ווי „בילינטים" האָט געליבט.

אַזוי לאַנג מיינע צעפּ זיינען ברוין,
און טראָגן די בלאָנדקייט פון זאַנג.
מיין מויל רייף ווי אַ פלוים,
מיט זיסן געטראַנק.

אַזוי לאַנג מיין גוף איז נאָך שלאַנק,
פון לעבן טיף איז מיין בליק.
וועל איך וועבן געזאַנג,
פון פרוילעכן ערדישן גליק.

אַזוי לאַנג, אַזוי לאַנג, אַזוי לאַנג,
דאָס לעבן אַזוי קורץ ווי אַ שפּאַן.
דיך פּאַראייביקט אין ליד און אין קלאַנג ;
פון מענער — דער איינציקער מאַן.

וואויל איז דער מאַמען

חוהלען

וואויל איז דער מאַמען, ליכטיק און גוט,
אַז איך האָב אַ מיידעלע — האַרץ פון מיין בלוט.
אַז איך האָב אַ מיידעלע ליכטיק און שיין,
מיט ברוינע צוויי אייגעלעך — יידישן חן.

גוט איז דער מאַמען צו זינגען אַ ליד,
מיין מיידעלע ליכטיקע זינגט מיט מיר מיט.
און שפּילט מיט די פינגער אויף ווייסן קלאַוויר;
זיין זאָלסטו מיידעלע נחת ביי מיר.

די אייגעלעך דימענט צעפינקלט און גרויס,
ווי פייגל אין פרילינג קלינגט איצט מיין הויז.
אוי מיידעלע, מיידעלע, ליכטיקע מיין,
וואויל איז דער מאַמען, אַ מאַמע צו זיין!

קינדערשע קלאַנגען געצאַמטע דורך מיר,
זיי פלייצן מיין קינד אַרויס איצט פון דיר.
דאָס וואָס איך האָב ניט דערגרייכט אין מיין גאַנג,
ביסטו פון מיר דאָס שענסטע געזאַנג!...

רויטע שיכעלעך

מיין מאַמע האָט מיר געקויפט
שיכעלעך אויף פּסח.
שיכעלעך אויף פּסח.
האָב איך זיי אָנגעטאָן צום היסב בעט,
דעם גאַנצן אָוונט די שיכעלעך געגלעט.
אויף מאָרגן בין איך אין גאַס אַרויס,
מיט די שיכעלעך די קליינע,
מיט די שיכעלעך די שיינע,
און געשפּיגלט זיך אין זיי —
ווי אין שפּיגעלעך צוויי...

מיין מאַמע האָט מיר געקויפט
שיכעלעך אויף פּסח.
שיכעלעך אויף פּסח.
די גאַסן אין פרילינג אויסגעצירט
האָב איך אין די נייע שיכעלעך שפּאַצירט,
די שטראָזן מיט בעז-בלומען באַדעקט
מיט יונג פרילינג האָט די וועלט געשמעקט.

מיין מאַמע האָט מיר געקויפט
שיכעלעך אויף פּסח.
שיכעלעך אויף פּסח.
ווען איך בין געלעגן שוין אין בעט,
האָב איך דעם זוילן שטויב געגלעט
און צוקאָפּנס זיי אַוועקגעשטעלט —
און איינגעשלאָפן מיט'ן פרילינג פון דער וועלט...

האָט מיין טאָכטער היינט געקראָגן
רויטע שיכעלעך אויף פּסח.
רויטע שיכעלעך אויף פּסח.
פון אירע אויגן לאַכט די זון,
זי נעמט די רויטע שיכעלעך אַרום,
קושט זיי פּונקט אַזוי ווי איך —
זיינען דאָס מיינע קינדער שיך?
שיכעלעך אויף פּסח,
וואָס בינדן אונדז צוזאַמען,
מיין טאָכטער און מיין מאַמען...

זון מײַן זון

יאָסעלען און נעמין

גיב מיר ווערטער, מײַן צונג איז שטום,
מײַן האַרץ איז פֿול — זון, מײַן זון,
אַט ערשט האָב איך געוויגט דײַן וויג;
באַגלייט דיך זון אין גאַנג צום קריג.
מײַן שלאַנקער זון, מײַן שענסטער גליד,
אַלע טרוימען אין דיר געטרוימט...
אַלע וועלטן אין דיר געבויט;
אין דײַנע אויגן האָב איך געבלויט...

האַרץ מײַן האַרץ, לײַב מײַן לײַב,
איך גיב דיך איבער צו אַ ווײַב;
מײַן לעבן האָט זיך הײַנט צעצווײַגט.
דײַן טאַטע שטראַלט, דײַן טאַטע שווײַגט.
נאָר זע דײַן מאַמע, דײַן מאַמע וויינט,
אַט ערשט געוויגט דיך אויף די הענט;
קיינמאָל זאָלסט ניט ווערן פֿרעמד,
אין ווײַסן קלייד, אין חופּה-קלייד —
טאָכטער, היט מיר אָפּ מײַן פֿרייד!

דער זוניקער חלום

דער זוניקער חלום פון מענטשן,
ער פליט אָן אַ סוף, אָן אַ ברעג,
ער הויבט זיך אין אייביקער בענקשאַפט,
ער פליט צו די הימלען אַוועק.

ער ברעכט אַלע תפיסות און צאַמען,
קיין גרעניץ ניטאָ פאַר זיין שוואונג.
העכער פון וואָלקנס און עראָפּלאַנען,
ער טראָגט פון גלאָקן דעם קלונג.

זיין גבורה איז ניט פון אַטאָמען —
ווי די וועלט דער חלום איז אַלט.
ער טראָגט פון דער מענטשהייט דעם זאָמען,
מיט זון און מיט לעבן ער שטראַלט.

ישעיה׳ס און מיכה׳ס חלום,
פאַרשמידן אין אַקער דעם שווערד;
די וועלט זאָל הויזן אין שלום,
פרידן זאָל בליען אויף דר׳ערד...

בוימער

בוימער איינגעוואָרצלטע דורך יאָרן,
פאַרקנאָטענע מיט מאַמע־ערד.
בוימער — יונגע, ערשט געבאָרן,
בוימער פון צייטן שטורמישע צעשטערט.

בוימער מיט אינגעווייַדן דורכגעפּרעסן,
מיט לעבער־הערצער דורכגעברענט.
בוימער — גרינע פליושענע ציפּרעסן,
צו דער אייביקייט מיט אויסגעשטרעקטע הענט.

בוימער באַוואָקסענע ווי אַפּן,
מיט קודלעס גרינע, לאַנגע האָר.
ווי כימערן צו די הימלען גאַפן —
ווער האָט פאַרפלאַנצט אייך, וועלכער דור?

האָבן אינדיאַנער דאָ די פּיילן געצויגן,
געיאָגט זיך נאָכן ווילד, אין פאַנג.
האָבן ברוינע שבטים מיט פּייל פון בויגן,
געלעבט אין וואַלד פון אוראנגאטאנג?

בוימער דורכגעברענט פון היץ און שרפות,
סקעלעטן־בוימער, שווארץ און אויסגעדאַרט.
בוימער דורכגעפּרעסענע פון בוימערשע מגפות,
שטייען דאָ אין אַנגסט פאַרשטאַרט.

בוימער אוראַלטע, מיט שלאַנגען־שטאַמען,
דורכגעפלאָכטענע, געאָדערטע אָן צאָל.
איך זע אייך דאָ אין וואַלד צוזאַמען,
איר וועבט דעם חלום פון אַמאָל.

און נעבן אייך יונגע בוימעלעך גרינען,
מיט לעבן פון אייער זאַפט גענערט.
דעם חלום וואַלדיקן זיי שפּינען,
מיט אייך פאַרוואָרצלט אין דער ערד...

דער עפּל בוים

דער עפּל בוים האָט ערשט געבליט מיט צוויטן,
מיט ווייסע בליטן אין די גרינע האָר.
צווישן סאָסנע וואַלד געגרינט אינמיטן,
מיט עפּל צווייט שנייאיק־ווייס און קלאָר.

פון די בליטן האָבן אויפגעבויכט זיך עפּל,
מיט זון קאָליר אויף דער בלייכער הויט.
זיי האָבן פּערלדיג געלויכטן אינם נעפּל,
קליינע זונען — פייערדיק און רויט.

דער עפּל בוים שטייט מיט דאַרע בלעטער,
ער האָט אָפּגעגעבן דעם מענטש זיין פולע זעט.
די ערד ווערט פּרוכטבאַרער און פעטער,
און וועבט פאַר אים פון רו אַ בעט.

די פייגל זיינען פון זיין קרוין פאַרפלויגן,
דער שטורעם האָט די נעסט צעשטערט.
מיט צווייגן שטייט ער איינגעבויגן,
נאָר פעסט די וואָרצלען אין דער ערד...

סוף זומער

די ערד איז אָנגעזעטיקט מיט פרוכפּערונג פון בליען,
די טרויב איז אָנגעטרונקען און פּלאַצט אַרויס מיט ווייַן.
די פייגל טשאַטעסווייז צו ווייטע ווייטן ציען —
דער האַרבסט, דער גרויער האַרבסט ער קומט צוגייַן.

דער סוף פון זומער — וואו ציט ער איצט זיך איבער?
און שלעפּט די אומרו מייַנע ווי אַ שטומע קייט.
ווען אַלע גראָזן שטאַרבן — כדי צו בליען ווידער,
נאָך אַ זומער מייַנער, ווי אַ שטראַל פאַרגייט.

דער סוף פון זומער מיט וואָלקנס שוואַרץ פאַרצויגן,
איבער לבנהס פּנים ווי אַ טרויער־שלעפּ.
דער זומער מייַנער איז ווי אַ שוואַלב פאַרפלויגן,
אין גאָלד פון זון, אין פאַרביקן געוועב.

דער וואַלד מיט שרייערס, שרייט אַליין זיך איבער,
און פינצטער איז די בוימער אין האַרבסטיק שטילער שעה,
זומער מייַנער, זומער, ווען וועסטו גרינען ווידער —
דייַן שיינקייט פאַריאָגן זאָל די שוואַרצע, בייזע קראַ.

האַרבסט שניט

פולע שפע, ווי אייטערס מיט מילך,
פלייצט אַריבער די ברעגן.
פלאַטערלינגען זויגן די מילך,
פליען דעם זונליכט אַנטקעגן.

פולע בוימער מיט רייפקייט צעגליט,
מיט עפל און באַרן באַהאַנגען,
אין חלום פון ברויטן רייפט דער שניט,
אין שווערע געבויגענע זאַנגען.

טאַנצן לאַשיקעס פריי אויפן פעלד,
קי מאַלעגיירען אין שאָטן.
פויערים קלייבן מיט קאָרענע הענט,
די זערנעס, ווי שפּילער אויף נאָטן.

זוימען און זאַפּטן אין ערדישן שוים,
מאַמעדיק טראָגט זי פאַרבאָרגן.
מיטן נייעם פרילינג וואַרעמט זיי אוים,
זריעה פאַרן ליכטיקן מאָרגן...

זון אויפגאַנג

די זון האָט זיך פון דער נאַכט אויסגעשיילט,
איז אויף וועגן און פעלדער אויפגעגאַנגען די פרייד.
דער וואַלד האָט אַנטפּלעקט זיין פּורפּור געוואַנט,
מיט באַגילדעטע בלעטער אין האַרבסט אויפגעפלאַמט.

און קינדער מיט ליכטיקע קעפּלעך באַשטראַלט,
געגאַנגען אַנטקעגן דער זון אין דעם וואַלד.
און מאַמעס מיט אויפגעלויכטענע אויגן פון ליכט,
מיט זוניקער פרייד אין יעדנס געזיכט.

אַ פּויער איז אַרוים פון זיין שטאַל מיט אַ קאַן,
אַ פערד האָט געבריקעט אין גאָלדן געשפּאַן, —
ווייל די זון האָט באַגאָסן מיט גוטסקייט דאָס פעלד,
און מיט זוניקע שטראַלן געלאַכט צו דער וועלט.

אַ וועוועריק האָט אַרומגעהיפּט אויף אַ בוים,
מיט ליימיקע שטרויען פאַרקיטעט אַ זוים.
דער האַרבסט וועט אַוועק, דער ווינטער קומט אָן,
דערווייל גייט דער וועוועריק אַ טאַנץ צו דער זון.

די קאַץ איז געשטאַנען געזעטיקט און פויל,
די קעצעלעך אירע געקושט מיט איר מויל.
מיט פאַרזשמורעטע אייגעלעך — סאַמעט אין האָר;
ווייס ווי די מילך — זייערע ציינדעלעך קלאָר.

ווער האָט די פעלדער אַזוי בראַנזיק באַמאָלט,
אין ברכה פון שטילקייט אין זוניקן גאָלד?
ווער ס'האָט געזען דעם זונען אויפגאַנג,
איז געוואָרן אַליין דאָס שענסטע געזאַנג...

האַרבסט

רויטע חופּות אויף די וועגן,
טאַנצן שירמדיק אַנטקעגן.
און די בלעטער האָניק־גאָלד —
וועלכע האַנט האָט עס באַמאָלט?

רויטע חופּות אויף די וועגן,
טאַנצן סאָסנעס זיי אַנטקעגן.
אַ רעגנבויגן הענגט אינמיטן,
ווי אַ חלף איינגעשניטן.

רויטע חופּות אויף די וועגן,
טאַנצן שירעמדיק אַנטקעגן.
און דער האַרבסט מיט גרויע פּעדים,
וועבט דעם סוד פון טויט און לעבן...

אַ שניי בוים

אַ בוים איז געשטאַנען פאַרטעמפּט און פאַרשטאַרט,
די צווייגן פאַרקראַמפּט, די קאָרע פאַרדאַרט.

פון ווינטן געבייטשט, פון רעגן געצוויקט,
די טויטע בלעטער פון שטורעם געפּליקט.

האָט פלוצלינג אַ שניי פון די בערג אָנגעוויט,
דעם בוים אין ווייסן סאַמעט באַקליידט.

דער שניי האָט פון גליווער דעם בוים אויפגעוועקט,
מיט דימענט און זילבער זיין קרוין צוגעדעקט.

די זון איז אַרוים מיט אַ קופּער געזיכט,
אויפן בוים אָנגעשפּיזט איר שטראַלנדיק ליכט.

מיט שנייאיקן פוך די צווייגן באַקראַנצט,
מיט דימענט צעפינקלט, אין ווייסקייט צעגלאַנצט.

אין פּליוש ווייסן סאַמעט, געהילט איז דער וואַלד,
אַ בוים איז געשטאַנען אין ווינטער באַשטראַלט.

דעם מענטשנס גליק

די וועלט האָט היינט אַ רוק געטאָן זיך ווייטער,
פאַרויס געפלויגן טויזנט יאָר.
אויפן פלאַקערדיקן הימל שייטער —
לויפט פאַרויס און פליט מיין דור.

מיין דור ער פליט און שלינגט מעת־לעתן,
פליגלט דורך די וועלט אַהין און קריק.
נאָר מענטש אין זיין חלום האָט פאַרגעסן,
אויף דער ערד עס וואוינט דעם מענטשנס גליק.

דאָס גליק געשפייזט פון ערד און אַקער,
מיט תבואה און מיט רייפן שניט.
מיט זונאויפגאַנג און זונפאַרגאַנג אין פלאַקער,
מיט מאַמעס און מיט קינדער אינדערמיט.

מיט ברויט און עפּל און מיט רייפע טרויבן,
מיט דער ליבשאַפט פון אַ מענטשנס בליק.
ניט אין פליגל וואָס טראָגן זיך פון אויבן,
נאָר אויף דער ערד דאָרט וואוינט דעם מענטשנס גליק.

אויפן טורעם פון „לעיק מאַהאָנק"

איך שטיי אויפן טורעם, עם קנוילן זיך וואָלקנס,
איך בין אַ פּאַסטעך פון געיאָגטע שאָף.
צופוסנס וועלדער — סאָסנעס אויף סאָסנעס,
אַ טייך שפּיגלט דעם הימל אָן אַ סוף.

אַרום מיר פעלזן — פאַרשטיינערטע שיפן,
פאַרגליווערט אין שטיין־צייט, געאַנקערט אין הויך.
קאַלך־פעלזן ווי הירשן זיך הויבן פון טיפן,
שטייגן צום הימל און שווימען אין רויך...

וועלדער ווי האַרדעס חיות זיך שטיקן,
איינער אויף איינעם אין טיפקייט פון טאָל.
איך שטיי אויפן טורעם ווי אויף לופטיקע בריקן,
עס זינגען די בערג מיט מיין קול.

אַ באַרג ווי אַ וואַלפיש הענגט אינם נעפל,
דאָס מויל צעעפנט, פאַרגליווערט אין צייט.
אַ זילבער טייכל — אַ פאַנטאַסטישער זעגל,
אַ ריטשקע זיך שלענגלט — אַ פאָדעם פון זייד.

גרענעצן זיינען צערונען אין וויטן,
ווי רעפטלעך טאָרט צעטיילט איז די ערד.
פעלזן צעשפּאָלטן פון אוראַלטע צייטן,
פעלזן באַוואַקסן מיט פאַרפרוירענע בערד...

פעלזן און בערג ווי פאַרשטיינערטע כוואַליעס,
פעלזן ווי ווילדע פערד אין גאַלאָפּ.
ביימער ווי מאַלפּעס הענגען אויף סקאַלעס,
און קוקן צום אָפּגרונט אָן פּחד אַראָפּ...

איך שטיי אויפן טורעם אין קאָסמוס פון וואונדער,
עס אַנטפּלעקט זיך פאַר מיר באַשאַף פון דער וועלט.
פעלזן און בערג פון טויזנטער יאָרהונדערט,
האָבן אַליין זיך מצבות געשטעלט...

צו די בערג פון שאַוואַנגאַ

צו די בערג פון שאַוואַנגאַ
צום פעלדזיקן כוח,
איך האָב היינט דערגרייכט —
די בלענדיקע הויך.

האָסט אַהין מיך געפירט,
דורך וועגן פון גרין.
צו די בערג פון שאַוואַנגאַ
האָסט געבראַכט מיך אַהין.

אויבן — בלויקייט פון הימל,
אינמיטן — טומאַן.
ווי עס וואַלט אינדערלופטן
זיך צעגאָסן דער ים.

אונטן פעלדער קוואַדראַטן
מיט רחבות פאַרזייט,
מיט ווייצענע אוצרות
פאַרן לאַנד אַנגעגרייט.

די בערג אַנגעפעלצטע
מיט סאָסנעס אוראַלט,
עס הענגען דאָרט פעלדזן
מיט מיילער צעפראַלט.

איך האָב געזען אינדיאַנער,
מיט בראָנזענע פּנים.
דורך בערג פון שאַוואַנגאַ
געזאָטלט מיט שפּיז.

איך האָב געזען האַיוואַטאַ
ווי ער לויפט אינעם ווילד,
דורך די בערג פון שאַוואַנגאַ
אין דער שטילקייט, פאַרשטילט.

דורך פעלדזיקע שטיינער
דער בופלאָקס נאָך יאָגט,
מיט געהייל אין די ציינער —
זיין עכאָ זיך טראָגט.

פעלדזן פאַרגיבורט —
מיט אוראַלטן כוח,
שטיינער פאַרגליווערט
בערג אינדערהויך.

פון די בערג פון שאַוואַנגאַ
שלאָגט אַ לויטערער קוואַל,
מיט זילבערנע קלאַנגען
זינגט אַ וואַסער-פאַל.

געטרונקען דעם מאָרגן
אַזאַ פרייד האָט געקוועלט
דורך אוראַלט פאַרבאָרגן —
אַ געזאַנג צו דער וועלט!

פרוי

פון אָדמס ריפּ האָסטו זי אויסגעשניטן,
אַריינגעפּירט זי אין בראשית פון גן־עדן
און אַ בונד אַ הייליקן מיט אָדמען פאַרשניטן,
קיינמאָל זיי ניט אָפּצוטיילן.

מיט מאַמע פרייד האָסטו זי אָנגעגאָסן,
זי זאָל די מענטשהייט מיט איר מילך, דערנערן.
עס האָט איר ליבשאַפט פון דור צו דור געפלאָסן,
אָפט די מילך געמישט מיט צער פון אירע טרערן.

מיט זאפט פון טרויבן זינגען אירע בליטן,
מיט גוטסקייט און מיט טוגנט האָסטו זי באַקליידט.
דעם סוד פון ליבשאַפט זי טראָגט אויף אירע ליפּן,
מיט נייע דורות זי צאָלט דער אייביקייט.

די שטומע

זי רעדט מיט אירע הענט, מיט אירע בליקן,
מיט די פינגער ווי אויף אַ שפּינדל וואָרט זי שפּינט.
שטומע קלאַנגען ווי זי וואָלט זיי פליקן,
ווי שטומע פעדערן שטיל זי שטילט.

זי איז אַ האַרף וואָס קאָן ניט שפּילן,
דער קלאַנג ער שטומט אין איר פאַרשטיינט.
זי איז דער פלאַם געשפּאַנט אין ווילן,
זי שטומט ווען איר האַרץ עס וויינט.

געלעכטער — זי קאָן ניט לאַכן,
געוויין — זי וויינט ניט אויס.
נאָר דער ציטער פון אַלע שפּראַכן,
פון אירע אויגן זינגט אַרויס.

שיין איז זי, ווען אירע ברעמען צוקן,
גלייך דו קוקסט אין זון אַריין.
זונען שטראַלן פון די בליקן טוקן,
און רעדן אַלע שפּראַכן אינגעהיים.

זי רעדט ווי אויף שטומע נאָטן,
דו לייענסט זי דורך איר שטומען וואונק.
דאָס וואָרט ווי הינטער אַ באַרג פאַרשאָטן,
קלאַנגלאָז בלייבט די שטומע צונג...

בלומען

שניי־בייטשן שלאָגן דעם דרויסן,
די שויבן מיט האָגל פֿאַרשמיסן,
אויף מיין טיש אַ בוקעט מיט רויזן,
ווי פֿון גאָרטן ערשט אויסגעריסן...

דער שניי אין האָגל געפּילדער,
טיילט אָפּ דעם פֿרילינג פֿון ווינטער.
אין דרויסן אַ שטורעם געוויטער,
דאָ, רויזן מיט בלעטער צעגרינטע.

אין דרויסן עס קריגן זיך שנייען,
דאָ, גרינט אַ בוקעט מיט בלומען.
ווינטן זיי ווייען און ווייען
אין שטוב איז דער פֿרילינג געקומען...

— — — — — — — — — — — — — — —

הוליעט איר ווינטן און שנייען!
רויט זיינען פֿייערדיק בלומען.
איר וועט בלויז חורבן פֿאַרזייען —
פֿרילינג וועט סיי ווי סיי קומען!

אַ בוים אין ווינטער

אַנטקעגן מיין פענצטער צו צפון,
שטייט אַ בוים אויסגעטאָן פון זיין קלייד.
די צווייגן אין גליווערניש שלאָפן,
שווייגט אַ בוים קעגן הימל אָן פרייד.

די צווייגן זשאַווערדיק, טרוקן,
ווי שטעכיק פאַרפּלאָנטערט דראָט...
זיין גוף פון שטורעם צעשלאָגן,
שמאַכט אַ בוים אינמיטן שטאָט.

אויפן בוים אַ בינטל פון שטרויען,
געבליבן איז הענגען אַ נעסט;
וועט אַ פויגל דאָ ווידער בויען,
אויף צווייגן געשמיסן פון פרעסט?

דער בוים אַ ריז געפּרופּטער,
זיין שטאַם טיף אינדערערד.
אין ווינטיקן שטורעם רופט ער.
זיין שטים ווערט ניט דערהערט...

פאַלט אָן אַ שניי אויף די ריטער,
אַ רעגן דעקט איבער דעם שניי,
ווי אַ כלה אין דימענט געפּליטער.
אין קרישטאָלענעם ציטער געשפּריי.

די נעסט זיך וויגט אין געוועבן,
ווי אַ קרוין אין געזאַנג פונעם ווינטער.
דער בוים זינגט אויף מיט לעבן,
און פראָסטיקע פערל צעצינדט ער...

צוויי קאַנאַריקלעך

געלעבט האָבן צוויי קאַנאַריקלעך,
אין אַ זוניק־וואַלדיקער היים.
צוויי פייגל מיט גילדענע שנאָבעלעך,
געזונגען טאָג אויס און טאָג איין.

געזונגען אויף בוימערשע קרוינען,
צו הימל און זון זייער קלאַנג,
צו די ווייטע בערגיקע רוימען,
געפלאָסן דאָס פייגל געזאַנג.

די זיידענע פליגל געבאָדן,
און טויאיקע בלעטער צעגרינט.
די פעדערן פוך אָנגעלאָדן,
מיט פרישן צעזונגענעם ווינט.

האָט אַ מענטש פאַרנומען די קלאַנגען,
פון גרינעם באַבלעטערטן צווייג.
און האָט די צוויי פייגל געפאַנגען,
צו זיך אין גילדענעם שטייג!

געבראַכט האָט דער מענטש זיי צוטראָגן,
אין אַ שטוב מיט שפּיגלען אַ סך,
האָבן פליגל זיך אָנגעשלאָגן,
אין שטייג פונעם גילדענעם דאַך.

צענומען צעשראָקן די פליגל,
אַ פלי טאָן צום היימישן וואַלד.
זיינען אַנטקעגן געפלויגן פון שפּיגל,
קאַנאַריקלעך מיט פליגל צעפּראַלט...

מענטש האָט געשאָנקען זיי קערנער,
און געבעטן: זינגט אַ געזאַנג!
די שפּייז האָט געשטאָכן ווי דערנער,
ניט געבוירן קיין איינציקן קלאַנג.

אין ווינקל פון שטייג זיך פאַרקלייבן,
פאַרשטומטע קאַנאַריקלעך צוויי.
פאַרדרימלטע, פאַרזונקען אין שוויגן,
און בענקען צוריק צו דער פריי.

פאַרטאָג ווען די זון נעמט אויפגיין,
מיט זוניקע פעכער צעפלאַמט.
הערט מען אַזאַ פייגל געזאַנג —
זיי בענקען צום היימישן וואַלד.

צום וואַלד פוןביימער און צעדער,
צום בלויען הימל דער רוף.
צוריק צו די דופטיקע סעדער,
און זיי זינקען צוריק ווי אין שלאָף.

די שנאָבלען אין צוויג איינגעשטאָכן,
די נעגל צעקרימטע אין שטייג.
פון פליגל אַ קלאַפּן און פאָכן,
צעבלוטיקט אויף גילדענעם צוויג...

די אייגלעך אין דרימל פאַרזשמורעט,
צוויי קאַנאַריקלעך זיצן באַנאַנד;
איינער אין צווייטן גענורעט,
און בענקען צוריק צו דעם וואַלד.

עס רעגנט

וואָלקנס אָנגעבויכטע — ווי מעלקנדיקע אייטער,
עס רעגנט און עס רעגנט, עס רעגנט ווייטער.

די פייגל פליען נידעריק, שיצן זיך פון רעגן,
שטראָמען וואַסער שווענקען אַלע וועגן.

די בוימער־אויגן פולע מיט טראָפּנס טרערן,
די בלעטער בייגן זיך געבייטשט פון רעגן שווערן.

ווי אַ ים אַ גרויער הויבן זיך טומאַנען,
עס רעגנט און עס רעגנט, פון דעכער רינען שראַמען.

עס מעלקן זיך די וואָלקנס־אייטער,
עס רעגנט, עס רעגנט, עס רעגנט ווייטער.

שטורם

אַ רויטער לייב האָט זיך צעליינגט אין הימל,
זיין אָטעם — בליץ, זיין גענייץ — דונער.
ער שווימט מיט פייער קלאָען אין געווימל,
צערייסט אויף שטיקער דעם הייסן זומער.

די בוימער אין אַ ווילד געפילדער,
וויגן זיך אין בוימערשע געוואַלדן.
דער רויטער לייב ער יאָגט זיך ווילדער,
דעם בייזן הימל אויף צווייען שפּאַלטן.

די האָר פון רויטן לייב איצט פלאַמען,
פון די בערג עס שלאָגט אַ פּאַרע.
ווייסע וואָלקן־שאָף זיך קלאַמערן,
הינטער אַ גרויער מאַמע־כמאַרע.

דער רויטער לייב שפּייט מיט פונקען:
אַ ווילדע חיה פון פאַרצייטן.
וואָלקן פערד מיט פייער צונגען,
אין גאַלאָפּ אין לופטן רייטן.

עס פויקט דער הימל, בערג — זיי שאַלן,
דער רויטער לייב מיט פייער־קלאָען;
עס גיט אַ פלייץ מיט רעגן־קוואַלן,
עס קראַקען טשאַטעס שוואַרצע קראָען...

ניאַגראַ וואַסערפאַלן

אייביקע ווינטן ראַנגלען זיך אין דיינע שנייען,
אייביקע שטורעמס דיינע שלייערן צעווייען.
מיליאַרדן יאָרן בויערן זייערע קוואַלן
ריטשן אויס דעם שטורעם: ניאַגראַ וואַסערפאַלן.

מיליאָרדן רעגנבויגנס רייסן די אַטאָמען,
נאַטור כוחות געשפאַנט אין פערד מיליאָנען,
גאַלאָפירן אין רעגנבויגנדיקע פאַרבן —
גייען אויף ווי אין אַ צירק אין וואַסער-בערג און שטאַרבן.

קולות ברומען, ברילן אויס דיין גבורה
פון אורהיילן פון טייך און ים די בשורה.
וואַסער-לייבן פון אָפגרונטן און טאָלן
אין ווירבל-תהום אויף וואַסער-שטויב צעמאָלן.

קאַלטע שרפות דורך נעפלדיקע רויכן
אין לאַווע-בערג צו די גרונטן טויכן,
וואַסער-בערג מיט אורצייטיקע קוואַלן
רעוועון אויס דעם כוח: ניאַגראַ וואַסערפאַלן.

אַרמייען אין געפויקן ריטמיש שפאַנען
טראַמפלען און טראַמפלען אין די וואַסער שראַמען,
קומען זיך אין זיילן בערג צוזאַמען.
פעכטן זייערע שווערדן אין די וואַסערפאַלן.

וואַסער הענט הויבן זיך פון גרונטן
שוימען מיט בעכער-ליכט אין בונטן.
זילבער בעכער מיט שוימענדיקע שטראַלן
קלאַפן-זיך און ברעכן זיך, אין דיינע וואַסערפאַלן.

וואַסערן וואָס בענקען צו די ימען
באַהעפטן זיך און קנוילן זיך צוזאַמען.
ברומען אויס דעם צאָרן און צעשאַלן
די גבורה פון דער וועלט — ניאַגראַ וואַסערפאַלן.

זאָגן אָן דעם גאַנג דורך ווינטער און דורך זומער,
שרייען אויס די בשורה דורך בליץ און דונער.
קולות פאַרשטומטע זאָגן אָן דאָס קומען,
מיט קראַפט און ליכט די מענטשהייט צו באַזונען.

בלויער בין השמשות

בלויער בין־השמשות — ווייסע שניי־בערג דרימלען,
בלויער בין־השמשות, נידערן פון הימלען.

אויף די סלופּעס־דראָטן הענגען שאַנדאַלירן,
איוסגעהאפּט פון פּראָסטיק־בלויע דימענט שנירן.

בלויער בין־השמשות איינגעהילט אין נעפּל,
הימל מיט דער ערד אייביקייטן וועבן.

אָוונט־ליכט פאַרהעפט מיט קלאַנג פון שאָטן,
בלויער בין־השמשות שפּילט אויף זילבער נאָטן.

און איך ווער איינגעוועבט ווי אין טאָן פון פידל,
אין בלויען בין־השמשות, צווישן ערד און הימל...

אַ דיכטער אין דער פרעמד

ז. סעגאַלאָוויטשן

איך האָב היינט געזען אַ פּנים,
פון צער אַ מאָנומענט;
צוויי אויגן-הירשן מאָנען,
אַ דיכטער אין דער פרעמד.

די אויגן צוויי מיראַזשן,
פון חורבן און פון אַש;
אין „ראַיאַל" עס רעשן,
רייד מיט מעסער-רעש.

און ער ווי צווישן קלאָנען,
מען לאַכט מיט פוסטן שאַל.
איך קוק אויף זיין פּנים
וואָס צערט מיט גיפט און גאַל.

ביי די ווייסע טישן,
קייט מען גומי-רייד;
„זיינע אויגן ריטשען
ניטאָ שוין מער קיין פרייד"!

ער זיצט דאָ ווי אַ פרעמדער,
ווי שבעה נאָך זיין היים;
אַן אָבל אַ פאַרשעמטער,
אַ פאַרגליווערט שטיק געוויין.

זיין גוף אַן אָפּגעצערטער,
זיין שטאָלצער קאָפּ פאַרשנייט.
זיין פּיין אַ טיף דערהערטער,
שרייט אַריבער רייד.

איך גיב מיין האַנט פון שלום,
דעם דיכטער אין דער פרעמד.
עס שווייגט זיין טרויער פּנים,
פון צער — אַ מאָנומענט.

דאָס קול

אין אָנדענק — לעאָן קאָברין

איך בין היינט אינמיטן פעלד געשטאַנען
צווישן גאָלדענע זאַנגען מיין גוף.
פון די גרינע זוניקע לאַנען
האָב איך דערהערט אַ גערוף.

ווי פון העלן הימל דעם קלאָרן,
דאָס קול האָב איך אַזוי גוט געקאָנט.
די זון האָט עס אין ליכט געבאָרן,
עס האָט אין זומער דערמאָנט.

דער ווינט האָט געררושט אין די זאַנגען,
דאָס קול האָט גערופן פון ווייט.
מיט ציטער פון גאָלדענע קלאַנגען,
ווי דער רוף פון אַ פלייט.

דאָס קול איז פון ערגעץ געקומען,
פון ווייטן זונען פאַרגאַנג.
אַרויסגערוישט פון די בלומען,
אַזוי ווייט — אַזוי באַנג...

— — — — — — — — — — — — —

אויף די גאָלדענע זוניקע לאַנען,
האָט אַ מענטש דאָ געחלומט אַמאָל.
דער מענטש איז מער ניט פאַראַנען,
עס טראָגט זיך זיין לעבעדיק קול...

פּאָעטן

אַזוי ווי די שריפט פון פּלאַנעטן,
געלייענטע דורך שטערן־זעער,
זיינען די שטילע פּאָעטן,
אין דינסטן געהער.

אַזוי ווי די קראַפט פון מאַגנעטן,
געשפּאַנטע דורך טייך און רוים,
זיינען די שטילע פּאָעטן,
אין כישוף פון טרוים.

אַזוי ווי דער וויי פון קלאַרנעטן,
געצוויבערט אין דינסטן געקלאַנג,
זיינען די שטילע פּאָעטן,
אין זייער פאַרטיפטן געזאַנג.

אויף מײַן שטול איז געזעסן אַ גרויסער פּאָעט

געווען איז עס היינט — צו געווען גאָר אַמאָל:
אַ פּאָעט איז געזעסן דאָ אויף מײַן שטול.

ניט מיט סאַמעט און זייד דער שטול איז געבעט,
נאָר אויף מײַן שטול איז געזעסן אַ גרויסער פּאָעט.

מײַן שטול האָט געשמעקט מיט צעדער פֿון וואַלד,
אויף מײַן שטול איז געזעסן די שענסטע געשטאַלט.

זײַן קאָפּ ווי אַ לייב מיט זילבער פֿאַרבלענדט.
די פֿינגער — קלאַווישן אויף פֿילבאַרע צוויי הענט.

זײַן האַלדז ווי אַ פֿידל פֿון דינסטן געקלאַנג,
זײַן האַרץ איז געווען אַ קוואַל פֿון געזאַנג...

די אויגן — איך געדענק ניט צו גרין אָדער בלוי,
אין שפּיגל פֿון זיי, אַ בילד פֿון אַ פֿרוי...

ווען מײַן אויג פֿאַלט צום ווינקל אין טאָג פֿון אַ שעה,
איך קוק אויף מײַן שטול — דער פּאָעט איז ניטאָ...

ווי איך וואָלט אין דער שטילקייט צו אימיץ גערעדט:
אויף מײַן שטול איז געזעסן אַ גרויסער פּאָעט...

אונדזער מאָרגן

איך האָב פאַרזייט אַ פרילינג מיט מײַן מי,
אַ פרילינג וואָס דאַרף ערשט קומען.
עס וועלן אויפגיין אין רייפסטן בלי,
פון דער ערד די בונטסטע בלומען.

איך האָב פאַרזייט אַ מאָרגן פאַר מײַן קינד,
אַ מאָרגן פון די שענסטע פאַרבן.
אין יעדן גרעזל ליגט פאַרשפּינט,
נאָך מיר די וועלט וואָס זי דאַרף אַרבן.

איך האָב אין נעסט פון גרינעם קרייז,
מײַן בלויסטן הימל אײַנגעראַמט.
די בערג ווי קעמלען פאַרנווייז,
צווישן ערד און הימל אײַנגעשפּאַנט.

אין יעדן טראַט, אין יעדן שפּאַן,
לידער שווייגן פון אונדז ביידן.
דורך שווערער אַרבעט האָסטו מײַן מאַן
געבויט פאַר אונדז אַט דעם גן־עדן.

און ווען מיר וועלן מער ניט זײַן,
אונדזער מי דאָ ליגט פאַרבאָרגן.
אין גרינעם וואַלד, אין זונען שײַן,
וועט אייביק לויכטן אונדזער מאָרגן...

אַ פונק מיט אַ פונק, אַ שטראַל מיט אַ שטראַל,
אַ טעלערל זון אין לויטערן קוואַל...

אין לויטערן קוואַל, דער הימל, דאָס ליכט,
אין שפּיגל פון קוואַל, עס טויכט מיין געזיכט.

אַרום לויטערן קוואַל, פון סאָסנעס אַ קרייז,
אין בוימער באַפּליגלט אין בליטן פון ווייס.

עס רוישט אין די צווייטן מיט בינען געזשום,
דער קוואַל קוואַלט אַריין אין בוים און אין בלום.

אין לויטערן קוואַל דער ים און די וועלט,
מיט זון און מיט גאָלד דער קוואַל איז צעקוועלט.

אַ מענטשלעכער בליק, אַ לויטער געמיט,
פון לויטערן קוואַל שעפּ איך מיין ליד.

דורך לויטערע קוואַלן

א.

אָ, דו, וואָס ביסט פון חלום געקנאָטן
דו האָסט מיין וועלט פון ליבשאַפט באַטראָטן;
דו ביסט היינט געקומען — מיין חלום באַגערטער,
דיין קרוין איז געשניצט מיט דימענט פון ווערטער.
איך האָב געשליפן מיין גאַנצן כלי־זיין,
דער פרילינג געקומען דעם בוים צו באַנייען.
אַ בלום האָט געעפנט די פאַרשלאָפענע אויגן,
די אייביקע זון אין זיך איינגעזויגן...
שיר־השירים, געזאַנג פון געזאַנגען,
מיט קראַפט ביסטו אין מיין בלוט אויפגעגאַנגען.
אַ געזאַנג צו די בערג, צו די לויטערע קוואַלן,
אַ געזאַנג צו דער וועלט מיין הארץ וויל אויסשאַלן.
עס האָט בוים מיט בליאונג ווי מיט גלעקלעך געקלונגען,
דאָס בין איך מיט פרוכטיקע לידער צעזונגען.

ב.

קומט פייגל, און פיקט זיי, און טראָגט זיי פאַנאַנדער,
צעקלינגט מיין געזאַנג אין געפליגלטן וואַנדער,
ווייל איך בין דער בוים צו דער ערד צוגעבונדן,
און דו ביסט דער חלום מיט זון אָנגעצונדן.
איך טרינק איצט דיין וואָרט פון שורות געפורעמט,
איך זוך דיין געשטאַלט פון בלעטער אַנטפורעמט,
איז עס קלאַנג, איז עס זעאונג, מיין חלום באַגערטער,
אין פאַרפלאָנטערטן וואַלד פון געלייטערטע ווערטער?
ווערסט קיינמאָל, אָ, קיינמאָל, פון חלום אַנטרינען;
איך וועל דיך ווי אַ זעאונג אין פינצטער געפינען,
אַ דו, וואָס דו ביסט מיט מיין אָטעם פאַרקנאָטן,
איך בייג איצט מיין קאָפּ אין דיין אייביקן שאָטן,
מיט אייביקן לעבן איך וויל דיך פאַרשפינען,
אין שטראַליקער בליאונג דיין אָפּבילד געפינען...

ג.

איך טרינק איצט דיין וואָרט, מיין חלום באַגערטער,
דורך זון, און דורך הימל, אין שטילקייט דערהערטער;
אייביקייט, שפּיל־אויף גערזאַנג פון געזאַנגען,
איך בין ווי אַ פויגל — מיין האַרץ איז מיט קלאַנגען.
די זון לאָזט אַראָפּ אַ פאָרהאַנג פון שטראַלן,
מיט שאָטנס פון פינצטער איז נאַכט צוגעפאַלן.
ווער בין איך? וואָס בין איך, אין שטערן געווימל?
ווער זיינען די אויגן פון טינט־שוואַרצן הימל?
וואָס קוקן אַראָפּ מיט קאַלטן געפינקל,
די זילבערנע שטערן, וואָס פינקלען און ווינקען.
איז עס אורצייט מיט אורצייט — און איך דאָ אינמיטן?
מיין ליד אין דיין אייביקן בוך איינגעשניטן,
אין דונער, אין בליץ מיין ליד איז פאַרשריבן —
זאָל מענטש מיט מענטש, זיך אין אייביגקייט ליבן.

ד.

קום אַרויס דו לבנה, דו נאַכטיקער וועכטער,
קום אַרויס דו גולם, פון גאָט דאָס געלעכטער,
דו ביסט דער גולם, און שפּינסט אַזוי אייביק;
מענטש איז שטויב, און ווילט נאָר דערוויילק.
קום אַרויס, אין דיין רונדקייט מיט דיין קופּערנעם פּנים,
קום אַרויס דו לבנה, פון די פינצטערע תהומען.
אָט ביסטו, פאַרשווינדסטו, ווערסט ווידער געבוירן,
אָט לאַכסטו, אָט נייגסטו לבנה־אויערן.
און מענטשעלעך לויפן, האַווען און שטאַרבן,
אָט ביסטו פון מענטשהייט, דער אייביקער שאַרבן...
אַזוי איז געווען מיליאַרדן יאָרן,
און דו ביסט אויף אַ האָר ניט עלטער געוואָרן.
אַזוי ווי די שטערן דורך נאַכטיקע זיפן,
דאָס זיסקייט פון וואָרט איך פיל אויף די ליפּן...

ה.

איך בין רײף איצט װי װײן מיט דער רײפקײט פון יאָרן,
מײן טרער איז געלײטערט פון קװאַל פונעם קלאָרן.
פון מענטשלעכע לײדן פאַרקניפּטע מיט פרײדן,
איך זינג איצט דאָס ליד פון געלײטערטן שװײגן...
מײן קאָפּ מײן בלאָנדן מיט אַש כ'האָב פאַרשאָטן,
די װאונדן פון װעלט — סם'קע שפּראָטן.
דעם צער פון מײן פאָלק, װי קרײטעכצער ביטער,
געפילט אױף מײן קאָפּ די גזרות פון שניטער.
דעם גזר פון מײן פאָלק שטאָלץ אים געטראָגן,
װען מײן קאָפּ מיט אומקום איז געװאָרן געשלאָגן.
פון שטויב כ'האָב װידער דעם קאָפּ אױפגעהױבן,
איך בין איצט באַשטראַלט מיט ליכטיקן גלױבן.
און זע, איך בין װידער באַשאַנקען מיט גבורה,
צו טראָגן דער װעלט די ליכטיקסטע בשורה...

ו.

לבנה'קער קאָפּ, װאָס דו היטסט די געװעבן.
פון טאָג און פון נאַכט, פון טױט און פון לעבן.
מענטש װיל דעם טױט דורך זײן לעבן פאַראַטן,
עס בלײבט נאָך זײן לעבן, די הײליקע טאָטן.
אַזױ װי דער פרילינג גיט אַרױס זײנע צװײטן,
און אַלץ זינגט מיט לעבן מיט זאַפטיקע בליטן.
אײביגקײט זינגט מיט פאַרשטײנערטע האָרבן,
גבורה פון בערג אין די רוקנס דערװאָרבן.
אָ, הײליק מיך איצט, װי אַ פאַרשטײנערטן שומר,
אָ, נישטיקער מענטש פון ערדישן חומר.
דו, װאָס דו האָסט דעם פונק אין מיר געצונדן,
מיט דײן אָפּבילד אין שטילקײט מײן װעזן פאַרבונדן.
איך זינג איצט צו דיר, און רוף אױס דײן נאָמען,
עס ענטפערן די בערג דורך אײביקײט — אָמן.

ז.

די, וואָס וועלן קומען נאָך מיר, דורך די צייטן,
וועלן אונדזערע טרערן שניידן אין פריידן —
אין גרינקייט פון חלום איז ערד אויפגעגאַנגען,
באַקסער און טייטלען ווי פלייטן צעהאַנגען.
ווייל אין אַלץ וועט זיין מיין אָטעם פאַרבאָרגן,
אין מענטשלעכן שלום, אין ליכטיקן מאָרגן.
מיט אייביקייט וועל איך דיין אָפּבילד פאַרוועבן,
ווייל רופן, איך רוף דיך דאָס אייביקע לעבן.
דורך גזרות און טרויער, דורך פּיין און געוואָגל,
עס איז פול מיט געזאַנג מיין האַרץ ווי אַ לאָגל.
זאָלן די ברעגן זיך גיסן אַריבער —
שיר־השירים, געזאַנג פון די לידער.
זייט עדות איר פינקלדיקע ליכטיקע שטערן,
וועלט, זאָלסט מיין קול ווי אַ דונער דערהערן.

ח.

אוי, זומער מיין רייפער, מיט וואונדער פון לעבן,
איך וויל דאָ מיין זיין מיטן הימל פאַרוועבן.
איך וויל דאָ מיין טראָט אין יעדן ווינקל איינקריצן,
פון ווינט און פון שטורעם מיינע קינדער באַשיצן...
עס פליט דאָרט אַן אָדלער צו די בערג אויפגעהויבן,
און שניידט די לופט מיט געפליגלטן גלויבן.
אוי, זומער, מיין זומער, מיין רייפסטער אין לעבן,
איך בין איצט פאַרוועבט מיט דיינע געוועבן...
אַזוי ווי דער בוים דורך זעגישע ציינער —
געגאַנגען מיין לעבן דורך דערנער און שטיינער...
מיין געמיט ניט געוואָרן צעמאָלן פון ליידן,
אין טרערן געזייט — אין פרייד וועל איך שניידן.
מיין פאַלק בין מיט דיר, באַהעפט ווי אַ צווילינג —
דו ביסט דאָס לעבן — און איך בין דער פרילינג!

ט.

איך וועל קומען צו גיין, איך וועל קומען צו שפּאַנען,
צו די וויינגערטנער, איילבירטן, איך וועל קומען דורך ימען.
צום קבר פון רחל, צום שטיינערנעם באַדן,
מיט גלות פון צער אויף די פּלייצעס געלאַדן.
איך וועל זען אַט די ערד געהייליקט פון אָבות,
מיט קינדער ישראלס טאַנצן הקפות.
איידער מיין אָטעם וועט אָפּגעקילט ווערן,
די ערד פון די אָבות מיט מיין חלום באַשווערן.
מיט יהודה הלוי'ם אייביקן חלום,
דער היים פון ישראל אָפּגעבן שלום.
איך וועל אויסוועבן לידער פון אַלע יסורים,
אין געזאַנג פון ישראל וועט אויפגיין מיין פורעם.
און די וואָס זיינען אין קאַמף געפאַלן,
זאָל מיין ליד זייער אייביקן אָנדענק באַשטראַלן...

י.

איך וועל צוגיין אַהין, וואו ס'האָט רחל געטראָגן,
צום ליכטיקן קוואַל די ערדענע קרוגן.
נייגן מיין קאָפּ צום שפּיגל פון ברונען —
פאָלק, מיין פאָלק, איך בין אַהיים אָנגעקומען.
אין שפּיגל פון קוואַל וועל איך שפּיגלען מיין פּנים,
דאָס וואַסער וועט לעשן מיין דורשטיקן גומען.
אַ פּאַסטעך וועט רופן די שאָף און די רינדער,
ישראל וועט איינזאַמלען די פאַרוואָגלטע קינדער.
די האַנט פון שונא וועט מער ניט צעשטערן —
דער בוים וועט ווידער די פּירות געבערן.
בערג וועלן לאַכן מיט נייע געזאַנגען,
ווייל אַ פאָלק איז מיט גבורה צוריק אויפגעגאַנגען.
פון אַש און פון פּיין, פון צער און פון צאָרן —
אַ פאָלק איז מיט גבורה ווידער געבאָרן...

יא.

עס איז אַ טראָפּן טוי אַראָפּגעפאַלן,
אַ קילער טראָפּן אויף מיין פּום.

עס האָט דער וואַלד געזונגען מיט נאַכטיגאַלן,
אויף יעדער סאָסנע האָט געררוישט אַ נוס.
און זע איך זינג אין וואַלד איצט ווידער,
און בוימלעך נייע זיינען אויפגעשטאַנען.
דער אַלטער נוס־בוים אַ שטומער היטער,
שטאַרצט אַרויס פון דרער׳ד די שטאַמען.
אַ הירש איז דורכגעלאָפן מיט צוויי הערנער,
ער שוועבט אין פּחד פון מיין שאָרך.
זאַנגען זינגען מיט רייפע קערנער,
דער וואַלד ער שווייגט און האָרכט.

יב.

ווער שאַרפט שוין ווידער היינט די שווערדן,
ווער גרייט שוין ווידער שייטערס פאַרן קריג?
אַ דו, אין שטילקייט ווייט דערהערטער,
דורך פעדים פון אַן אויגנבליק.
נאָך וויינט די וועלט פון אַלע גרוילן,
נאָך שטרעקט די ערד אַרויס אַ האַנט.
ווידער שמעלצט מען שחיטה־קוילן
דורך האַס און גיפט אין יעדן לאַנד!
אַ גוטסקייט וואו ביסטו אַנטרונען?
אָ, אמת, ווער פאַרשטעלט דיין ליכט?
אין אַ טראָפּן, טוי האָב איך באַנומען,
וואָס האָט געקושט מיך אומגעריכט...

יג.

אַ פלאַטערל פליט און לאַכט מיר אין פנים.
אַ בלימל וויל מיך אין שיינקייט דערמאָנען.
צוויי פייגל זיך האָבן צעקושט אויף אַ צווייגל,
מיט פיסקלעך שפיציקע, צוויי בלויע פייגל.
איך ליג אין וואַלד אויפן גראָז אויסגעצויגן,
דער הימל צעשפילט זיך ווי אַ רעגנבויגן,
מיט זון און מיט גרין געמישט זיינע פאַרבן.
ווי אַ קרישטאַלענער זייל מיט וואָלקנדלעך קאַרבן...

זיילן אויף זיילן מיט גאָלדענע שפּיצן
געטורעמט, געשליינגלט ווי פייער מיט בליצן.
הימל, שפּיל אויף דיין פּראַכט אין געראַנגל —
זינג איצט אַריין אויך מיינע געזאַנגען!

יד.

זע דאָרט אַ נעסט האָט אַ פויגל באַוואָרנט,
מיט ווייצענע זאַנגען, די ריסן באַשטאָרנט.
אַט קומען ראָבן מיט שוואַרצע געפליגל,
עס וויגט זיך די נעסט אין ווינטיקן וויגל.
און דאָרטן עס לויערט מיט צוקונג אַ שפּאַרבער,
דאָס זיינען די שונאים פון לעבן פאַרדאַרבער.
דער פויגל — די אייביקע היטערן — מאַמע,
זי וועט ניט אָפּטרעטן דאָס אָרט פונדאַנען.
און וועט צום נעסט דער שונא זיך טראָגן,
זי וועט אים מיט מאַמישע כוחות צעשלאָגן.
מיט גאָלדענע שנאָבלען די פויגלען די יונגע,
זיי האָבן זיך מיט ליבשאַפט צעזונגען,
צו דער, וואָס האָט זיי געשאָנקען דאָס לעבן,
און וויל עס צוריק פאַר די יונגע אָפּגעבן...

טו.

איך בין אַזוי שטאַרק ווי נאָך קיינמאָל געוועזן,
די חכמה פון פויגל ווי פון אַ בוך כ'האָב געלעזן.
אין געזאַנג פונעם פויגל, אין געפינטל פון שטערן,
צו זוניקער ליבשאַפט, זיי אַלע געהערן...
וויל שונא דעם נעסט פון פויגל צעשטערן —
די היטערן — מאַמע, זיין געדאַכט וועט פאַרצערן...
און יובלדיק לופטיק מיט געזאַנג אין די פליגל,
זיך טראָגן צום בלויען פעלדזיקן היגל.
צום אָרט וואו איר נעסט, צוריק וועט זי פליען,
מיט פאַרבלוטיקטע פליגל צו די פייגעלעך ציען.
און בויען אויפסניי די נעסט די פאַרלענדטע,

מיט זאנגען פון פרילינג אויף גראָזן פארברענטע:
זינגען געזאַנג צום הימל בלויען,
ווייל קיינמאָל דער פויגל ווערט מיד ניט פון בויען...

טז.

די ערד גיט אַרוים די זאַפטן פון גראָזן,
און גאָלדענע בינען אין טאַנץ זיך צעלאָזן.
דער וואַלד איז פאַרוועבט מיט פלאַנצן און בליטן,
הימל און ערד, און איך דאָ אינמיטן.
ווייט, ביסטו ווייט, מיין חלום באַגערטער —
דורך טאָג און דורך נאַכט אין שטילקייט דערהערטער.
מיט אַלץ בין פאַרוועבט, מיט זון און מיט הימל,
מיין טרער — איז דער טוי אין געוואַשענעם בלימל.
מיין הויך — איז די זון וואָס וואַרעמט מיט לעבן,
די וועלט — דאָס ביסטו, איך פיל דיך דערנעבן...
ווען נאַכט נעמט איר שאָטן אין טאָל פאַרשפרייטן —
דיינע אויגן־שטערן צום שלאָף מיך באַגלייטן...

יז.

אָ, קולות פון דורות, שוין ווייטע פאַרגאַנגען,
איך הער אייערע שטימען אין וואַלדיקע קלאַנגען.
איך מיש זיך איצט אוים מיט אַלץ דאָ צוזאַמען,
אָט דאַכט מיר, עס רופט מיך דאָס קול פון מיין מאַמען.
איך הויב זיך אויף און לויף ווי אַ ווילדע,
לויף נאָך די שטימען, אין שאָטנס פאַרהילטע.
ניטאָ קיין טויט, עס הויבן זיך קברים.
זיי רייסן צום לעבן, דורך טויט און דורך שטורעם...
דאָס לעבן איז אייביק, עס רופט פון די ווייטן,
איך הער דורות זיך רירן דורך אייביקייטן.
איך הער אַ געזאַנג, איך הער אַ געיאָמער,
זיי זיינען פאַרקניפט אין געבורט פונעם זומער.

יח.

אַט שטייט דאָ אַ ווערבע, פאַרפּלאָנצט נאָך מײַן מאַמען,
און איך וועב פון לעבן יידישע גראַמען.
איך שעפּ פון וואַלד גײַסטיקע קרעפטן,
און וויל זיך מיט טויט אין לעבן באַהעפטן.
אַט דאַכט זיך מיר אויס אין שטילקייט פון שווייגן,
די ווערבע פאַרברעכט אירע יונג גרינע צווייגן.
מײַן מאַמע זי שטייט מיט אָפענע וואונדן,
ווי אַ כּישוף איז פּלוצלונג דער זומער פאַרשוואונדן.
דער וואַלד איז נאַקעט מיט שוואַרצע סקעלעטן,
די ביימער מיט קנאַכיקע צווייגן זיי שפּעטן...
אַ בית־עולם וואָס האָט קיין שטיין דאָ אַפילו —
אַ טאָכטער זי קלאָגט מיט טרערן מיט שטילע.

יט.

אַ טאָכטער זיצט „שבעה" און הערט ניט אויף קלאָגן,
נאָך איר מאַמען, איר פאָלק וואָס דער שונא האָט געשלאָגן.
זי האָט ניט קיין קבר די טויטע געפינען,
אַט רייסט אויף איר הארץ, ווי אַ באַהאַלטענע „מינע"...
אַט רייסט אויף איר מאַרך, זי האַלט זיך צוזאַמען,
אַט הערט זי דאָס קול פון איר פאַרשניטענער מאַמען...
אַ ווערבע! איך האָב ניט קיין האַרף אויפצוהענגען,
אויף צעריסענע סטרונעס, שפּיל, צער, אויס מײַן בענקען!
מײַן האַרץ איז אַ האַרף מיט אָפענע וואונדן,
עס בלוטיקט — אָן היילונג פאַרבונדן.
אַזוי ווי אַמאָל איז געזעסן אָן אָבל,
געקלאָגט אויף זײַן פאָלק ביי די טײַכן פון בבל.
ווער ס'איז געשלאָגן ווי איך פונעם שניטער —
נעמט אויף דעם צער, נעמט אויף דעם ציטער!

כ.

עס וועט קומען דער טאָג, איר וועט שונאים באַצאָלן,
פאַר די בלוטיקע טרערן, פאַר די ביינער צעמאָלן!

פאַר די אַשיקע בערג, וואָס איר האָט ניט באַגראָבן,
אונדזער האָס וועט אייך פּיקען ווי טויטלעכע ראָבן!...
אייער ברויט איז פון מענטשלעכן בלוט דורכגעקנאָטן,
דער טאָג וועט נאָך קומען אייער בייז אויסצוראָטן!
וועל איך דעם טאָג, דעם געגאַרטן דערלעבן?
אַז די זון איז געמישט מיט רויכן און שוועבל.
פאַרנעם מיין געזאַנג דורך פּשוטע ווערטער,
דו, ווייטער, דו נאָענטער, אין שטילקייט דערהערטער!
ווייל דו וועסט דיין ווערק דורך אייביקייט שפּינען,
דורך ווינטער און זומער, דורך ועלדער וואָס גרינען.

כא.

ווען איך וועל ווידער מיינע אויגן אויפמאַכן,
וועט די זון דורך דיין ליכט צו מיר לאַכן.
וועט אויפשטיין די וועלט פונעם בלוטיקן דרימל.
מיט בלויקייט פון חלום וועט לויכטן מיין הימל.
אויב די האַק וועט דעם וואַלד ניט צעשטערן,
וועט די ערד נייע בוימער און אויבסטן געבערן.
אַזוי רינגלט די וועלט אין אייביקן וואונדער,
מיין זיין האָט פאַרקריצט דעם בלוטיקסטן יאָרהונדערט.
און זאָל דער יאָרהונדערט אָפּגעמעקט ווערן,
ווייל מענטש האָט געוואָלט דיין באַשאַף צעשטערן!
דאָס לעבן איז הייליק פאַרקניפּט דורך די זאָמען,
פון מענטשלעכער ליבשאַפט איך הייליק עס — אָמן.

כב.

איך האָב אויסגעחלומט אַ חלום אין מיינע שעהן,
אַ חלום פון גבורה, פון שיינקייט, פון קראַפט.
געשטאַלטיקט אים אין טאָג דעם בלאָען,
גענערט אים מיט מיין אָטעם, מיט מיין זאַפט.
פון אַלע פייערן — אין אים געבלאָזן פונקען,
פון אַלע זאַפטן — זיינע אָנגעטרונקען.
פון אַלע פאַרבן אויסגעכישופט העלער,
חלום מיינער, צווישן פעלקער־פענער.

איך האָב פֿינצטערניש מיט מיין ליכט צעשמעטערט,
אויף אַ חלום לייטער צו אים אַרויפֿגעקלעטערט.
אַ חלום העלן האָב איך זיך אויסגעמאָלן,
צווישן טאָג און נאַכט, צווישן וואָר און חלום.

כג.

געוועזן מיין לעבן שווער דורך טרויערן און קלאָגן,
האָט מיין הארץ נאָך טרייסט צו מיין פֿאָלק געשלאָגן.
איך האָב געפֿליגלט דורך בערג און טאָלן,
פֿאַר מיין פֿאָלק דאָס שענסטע גאָלד געמאָלן.
דורך מיינע ציין געשלייפֿט די פֿערל,
געבראַכט מיין חלום צו די שטערן.
דעם זונאויפֿגאַנג פֿון הערלעכע פֿאַרטאָגן,
צו מיין חלום-לאַנד, תמימותדיק געטראָגן.
דאָס גאַנצע גאָלד פֿון אַלע זונפֿאַרגאַנגען,
ווי אַ מזבח פֿאַר מיין חלום-לאַנד דערלאַנגען.
דאָס גאַנצע גרין פֿון אַלע זומערוועגן,
פֿאַר מיין חלום-לאַנד געשפּרייט אַנטקעגן.

כד.

עס האָט מיין חלום זיך געטראָגן צווישן פֿעלדער,
געוועקט די קאַמפֿן פֿון די נייע העלדן.
איך בין מיט זיי געשוואומען דורך געפֿאַרן,
דורך פֿייער דראָטן, — דורך נאַכטיקע קאַשמאַרן.
עס האָט מיין חלום זיי באַגלייט דורך הייסע זאַמדן,
און געפֿיבערט אין קאַמף מיט זייערע קאַמפֿן.
עס האָט מיין חלום זיי אין גאַנג געצונדן,
מיט מיין טרער געוואַשן זייערע וואונדן.
זין און טעכטער דורך די וועגן דערנער,
אינעם נייעם מאָרגן וועלן אויפֿגיין אייערע קערנער.
אויף די בערג וואו עס נעסטן זיך געצעלטן,
דאָרט פֿלאַטערט אויך מיין חלום אַ צעהעלטער.

כה.

איך זיץ דאָ צווישן ווענט אין קאַלטן שטאָל פון ציגל,
מיין חלום טראָגט זיך אויפן ווינט פון פליגל.
מיין חלום פליט דורך ימען, אָקעאַנען,
צו די גרינע סעדער, צו די גרינע לאַנען.
צו געפלאָגטע ברידער פון טויט געבליבן לעבן,
זייער קיום אינעם נייעם מאָרגן ווייטער וועבן.
צו די נייע קינדער אין וואָגלעניש געבוירן,
צו די נגב-קבוצות וואו שונאים נאָך דאָרט לויערן.
די געבראַנדטע אָרעמס וואָס זייען דאָרט איצט ווידער;
ביין פון מיין געביין — דאָס זיינען מיינע ברידער.
זיי הויבן אָן אויפסניי און ווילן ווייטער שמידן,
אינעם פעלקער-שלום — דעם רינג פון שטאָלצע יידן.

כו.

אין יעדן טראָפּן טוי אויף אַ צווייג פאַרבאָרגן,
האָט מיין פאָלק באַהעלט אין קאַמף — אַ נייעם מאָרגן,
פאַר יעדן פאָדעם זון פון די הייסע שטראַלן,
פאַר יעדן גאָלד פון שיין — אַ ברודער איז געפאַלן...
פאַר יעדן קנאָספּ פון גרין, פאַר יעדן צווייט פון בליטן,
אַ לעבן פון אַ שוועסטער אין קאַמף פאַרשניטן...
פאַר יעדן זאַנג פון גאָלד, פאַר יעדן נעסט פון זאָמען,
האָט מיין פאָלק באַצאָלט מיט זעקס מיליאָנען...
ווען שונאס שווערד האָט מיין פאָלק געפייניקט,
פאָלק, מיין פאָלק, אין צער מיט דיר פאַראייניקט.
דורך שייטערהויפנס גרויל און פלאַמען —
איך בין פאַרגלידערט מיט דיר ווי אַ קינד מיט מאַמען...

כז.

איך האָב אויסגעחלומט מיר פון אייביקייט אַ חלום,
פון פאָלק און שטאָט אין פעלקער-רינג פון שלום.
מיין פאָלק איז דורכגעגאַנגען בראַנד און שייטער,
אַרויס פון פייער אויוון — און קעמפט איצט ווייטער.

מיין חלום-לאַנד איז ליכטיקער נצחון,
ניט אַ געטשקע פון אַ האַנט צעבראָכן.
מיין חלום-לאַנד: גלויביקע אמונה,
ניט אַ וויסטעניש וואָס שמעקט מיט זומפּ און טומאה.
מיין פאָלק איז ניט אַ צווייג פון שטאָם צעבראָכן,
מיין פאָלק קעמפט און טראָגט אין זיך נצחון.
לעבט איבער שייטערהויפנס, אַש און קברים —
מיין פאָלק וועט ביישטיין יעדן שטורעם!...

כח.

דורך גאָלדענע טעג, דורך הימלען קלאָרע,
הינטער הרי-חושך פון נעכטן.
אויף זאַמדיקן נגב, שורה נאָך שורה
אין צווילינגען בליטן זיך, פלעכטן.
אָט שטייען קינדער פון משה׳ן דעם זיידן
וואָס האָט פאַר זיי ימען געשפּאָלטן,
אויף זאַמדיקן נגב וועט זיין אַ גן-עדן,
וואָס צייט האָט מיט דערנער פאַרשאָלטן.
דאָרטן באַגאַרטלט אַ שנירל פון זילבער,
אַ וואַסער וואָס פרישט אָפּ די גרונטן.
מיט זוניקע הענט עס זייען די קינדער
מיט בראָנזענע לייבער אין בונטן...

כט.

אַ זקן קוקט צו מיט אַ באָרד אַ ווייסער,
ווי ער וואָלט איצט אַרוים פונעם חלל.
די לייבער צעגלאַנצטע מיט געפּערלטע שווייסן,
זעט, ווי זיי בויערן די קוואַלן.
ער זעט זיך איצט זיצן ביים שטיין ווי פאַרצייטן,
און שרה שפּאַנט מיט אַ קויבער.
אַ פּאַסטעך קומט אויף אַן אייזל צו רייטן,
מיט זון אויף זיין פלאַמיקן שויבער...
און כוואַליעקע שאָף אין ווייסקייט זיך קרויזן,

זיי לויפן פּאַרוים און זיי מעקען,
הינטערן שטיין דער קוואַל נעמט רוישן
מיט לעבן דעם מדבר אויפוועקן.

ל.

דער קוואַל פון שיכטן פאַרטריקנט געוואָרן,
ער שלאָגט אויף מיט כּוח מיט נייעם.
זע ווי דער שטיין, אויפסניי האָט געבאָרן
אַ קוואַל דעם דאָרשט צו באַפרייען.
מיט טייטלען, מיט מאַנדלען, מיט טרויבן און פייגן
וועט אויפגיין דער זאַמדיקער מדבר,
עס וועלן זיך שליסן צווייגן מיט צווייגן
אין בוימערשע רייען פאַרקניפּט דאָ,
עס גייט אויף דער מדבר, עס הילכן דאָ לידער,
פון זעגן און העק, און מאַשינען.
אַקסל צו אַקסל, ברידער מיט ברידער,
בויען אַ נייעם באַגינען.

לא.

זע, אָט די מאַמע וואָס איז מעוברת
מיט האָפענונג פון פעלקער פון פרייע,
ישׂראל — דער פאָטער ביים ברעג פון כּנרת —
פורעמט אַ מענטשהייט אַ נייע.
די צען געבאָטן געהייליקט דורך פייער,
דורך בליצן געקריצט זייער פורעם,
יעדער ברענגט זיין גבורה צו שטייער,
בויט דאָ פון שלום אַ טורעם.
אַ טורעם פון ליכט פאַרוואָרפן דורך זונען,
דורך לופטיקע, פעלקערשע בריקן,
אַ פאָלק האָט צוריק זיין גבורה געפונען,
אַ פאָלק האָט געפונען זיין תּיקון.

לב.

צווישן די פעלדזיקע בראַנדיקע שטיינער
אַ קאַסטן געטראָגן פון יידן.

דאָס טראָגט מען דאָס אַש און די ביינער
פון הייליקע קדושים פאַרשניטן...
עס ציטערט דער באַרג, דאָס פאָלק נעמט וויינען
און בויגן די קעפּ אין שווייגן.
דאָס אַש פון די טויטע — געהערט יעדן איינעם,
דער יידישער טרויער — אַ נעפּל נעמט שטייגן,
אַרויף צו די בערג, צו די הויכן.
דער טרויער פון יידישן חורבן.
די בערג הילן איין זיך אין נעפּל פון רויכן,
עס שרייט יעדער אַשיקער קרבן.

לג.

אַ שופר האָרנט אויף, דורך די בערג אין אַ קלאָגן:
דאָס פאָלק וועט קיינמאָל פאַרגעסן.
דעם נאַצי־עמלק — די קללה זאָל שלאָגן
ווי פּרעה'ן — מכות זיי פרעסן.
און אַקסל צו אַקסל, אָרעם אויף אָרעם,
טאַנצט מען אַ פאַרעקשנטע האָרע,
אַלטע און יונגע געברידערט אין פורעם,
זיי טאַנצן דעם טאַנץ פון גבורה.
טרערן און פרייד געמישט אין די אויגן,
קיין צער איז ניט לויטערער ריינער,
ווען געשלאָגענע קינדער ווי אַ רעגנבויגן
רינגלען טאַטע־מאַמעס אַשיקע ביינער...

לד.

אַ שבועה הויבט אויף זיך ווי אַ דונער צעקראַכטער,
אַ וואַלד מיט געפּויסטיקטע פינגער,
אַזוי ווי אַ רעגן פון הימל פאַרשמאַכטער,
שווענלן די אויגן פון ישראלס קינדער.
יעדנס שבועה געברענטע דורך פּיינען,
טרויער מיט גבורה פאַרצווילינגט.
ווי זון דורך וואָלקנס — פּנימער שיינען
מיט נייעם אויפגאַנג פאַרפרילינגט.

ווי וויין דורך קעלטערס געווייניקט,
איז שטאַרקער דער יידישער גלויבן,
מיין פאָלק דורך דורות געפייניקט,
מיט פעלקער גלייך איז דערהויבן...

לה.

די זון פאַלט אַראָפּ מיט גאָלדענע שטראַלן
און פלעכט אויס פון צווייגן אַ העפטונג;
איבער די בערג געזאַנגען עס שאַלן
פון יידישער נייער באַהעפטונג.
עס שאַלט אַ גערוף פון אַ שיף, פון אַ קוימען,
עס ריטשען מאַטאָרן אין לופטן.
דורך די געצעלטן וואו וואָגלער דאָרט וואוינען,
די ליכטיקע בשורה צעטראָגט מען,
פון מי און אַרבעט, פון מענטשלעכער גבורה
אויף חורבות פון אַלטע רואינען
צו די בערג און טאָלן שאַלט אָט די בשורה,
זיי בויען אַ נייעם באַגינען.

לו.

— — — — — — — — — — — — — —
דוד המלך, תהלימ׳שער זינגער,
דיין ניגון זינגט צו די שטערן.
די נעכט זיינען אַלט, דאָס לעבן ווערט יינגער.
ווי דאָס זאַמד מיין פאָלק וועט זיך מערן.
יהודה הלוי, איך קוש אָפּ דיינע וואונדן,
מיט דיין בלוט די ערד האָסט געהייליקט,
ווען די לעצטע שקיעה, דעם ים האָט געצונדן,
האָסט מיט דער ערד זיך פאַראייניקט.
איצט זינגען אויס די געקומענע ברידער
דיין ניגון פאַר דער זון און די שטערן,
אין ווידערגעבורט שאַלן העלדישע לידער,
אויך מיין ליד דערהערט זאָל דאָרט ווערן.

אינהאַלט

יידיש וואָרט — — — — — — — — 3

א.

וועלט גיב מיין מאַמען מיר צוריק — 7
אויפן חורבן פון מיין היים — — — 8
דאָרט וואו איך בין געבוירן — — — — 12
ליכטיקע כלות — — — — — — — 14
צו די רוצחים ! — — — — — — — 16
אלמנה — — — — — — — — — 17
דער פאַרזשאַווערטער שליסל — — — 18
מיין ברודער בנימין — — — — — 19
אַן ארונדל פון בילדער — — — — — 20
אַ ווייסער שניי — — — — — — — 21
דער לעצטער פון אַ שטאָט — — — 22
אַ ייד איז געבוירן — — — — — — 23
אַ פאַרלוירענער ניגון — — — — — 24
שיכעלעך — — — — — — — — 25
אַ ווייסע קלייד — — — — — — — 26
דעם זיידנס שטעקן — — — — — — 29
די הייליקע שיימע — — — — — — 30
דאָס פנים פון מיין מאַמען — — — — 31
געזאַנג צום לעבן — — — — — — 32
דער גאָלדענער בעכער — — — — 33
גיב מיר כוח — — — — — — — 34
די האַרף — — — — — — — — 35
פורים 1947 — — — — — — — 36
שפיל יהודה — — — — — — — — 37
דיין געבראַנדמאַרקטע האַנט — — — 38
אַ מערדערין — אַ מענטשן שפין — — 39
געבורט — — — — — — — — — 41
דער פייניקער און זיין קרבן — — — 42
צו אַ לעצטערער פון וואָרט — — — 43
די קללה שיף — — — — — — — 44
ערשט נעכטן — — — — — — — 45
דער גולם — — — — — — — — 46
די טענצערן — — — — — — — — — 47
אויפן שאַרפשטיין פון אַ פערטל
יאָרהונדערט — — — — — — — 48
אַ תפילה — — — — — — — — — 49
יעדעס יאָר — — — — — — — — — 50
מיין ליד — — — — — — — — — 51

ב.

פרילינג — — — — — — — — — — 55
צוויי מאַמעס — — — — — — — — 56
האַיד־פאַרק — — — — — — — — 57
לאָז מיין פאָלק אַריין אַמעריקע ! — — 58
יתומים — — — — — — — — — 60
ברודער, מיין ברודער — — — — — 61
דאָס הויז פון שלום — — — — — 62
דאָס שלום עליכם הויז — — — — 63
אין אָנדענק פון אייזיק ראַבאַי — — 65
עמוסל גודלמאַן — — — — — — 66
דער טאָג פון שלום — — — — — 67
שווערדן — — — — — — — — — 68
עס וועט זיין אַ וועלט — — — — 69
גבריאל דער פויערשער זון (פּאָעמע) — 70

ג.

לאָז אָפּ מיינע הענט — — — — — 83
קינדער פון ישראל — — — — — — 84
דער גורל פון אַ פאָלק — — — — 85
דער טאָג פון געבאָט — — — — — 87
אַ גלאָק האָט געקלונגען — — — — 88
געזאַנג צו די בינען ! — — — — — 89
די וואַנט — — — — — — — — — 92
דער שטיינערנער באַרג — — — — 93
יעקב און זיין כלה — — — — — — 94
הגר — — — — — — — — — — 96

דער פאַרגאַנגענער ניגון — 98
אַ בריוו צו מיין חברטע אין ישראל — 98
דער דעמב — 100
ניין און צוואַנציק קינדערלעך — 101
צו קבורה — 106
אַ חתונה אין ישראל — 107
גיי אויף דו נייער מאָרגן ! — 109
עם ישראל חי ! — 110

ד.

באַשאַף — 115
מיט הבטחה פונם זיידן — 116
יום־טוב אינדערוואָכן — 117
דער אַמניבוס — 118
פון דער פינצטער — 121
די בלויע שעה — 122
הינטער דיינע לינדן — 123
צווי ווערבעס — 124
אין דער לעצטער שעה — 125
פאַרלאָז מיך ניט מיין ניגון — 125
אַ זילבערנער הימל — 126
אַזוי לאַנג — 127
וואויל איז דער מאַמען — 128
רויטע שיכעלעך — 128
זון, מיין זון — 130
דער זוניקער חלום — 131
בוימער — 132
דער עפּל בוים — 133
סוף זומער — 134
האַרבסט שניט — 135
זון אויפגאַנג — 136
האַרבסט — 137
אַ שניי בוים — 138
דעם מענטשנס גליק — 139
אויפן טורעם פון לעיק מאָהאָנק — 140
צו די בערג פון שאַוואַנגא — 141
פרוי — 142
די שטומע — 143
בלומען — 144
אַ בוים אין ווינטער — 145
צווי קאַנאַריקלעך — 146
עס רעגנט — 148
שטורעם — 149
ניאגרא וואַסערפאַלן — 150
בלויער בין השמשות — 151
אַ דיכטער אין דער פרעמד — 152
דאָס קול — 153
פאָעטן — 154
אויף מיין שטול איז געזעסן אַ גרויסער פאָעט — 155
אונדזער מאָרגן — 156
דורך לויטערע קוואַלן — 158

ביכער פון מלכה לי:

לידער — 1932.

געזאַנגען — 1940.

קינות פון אונדזער צייט — 1945.